PUBLIC LIBRARY
OCT 23

The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

פאליטיש
אונאפהענגיג
נאציאנאל

א צייטונג וועלכע גיט פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען.

VOLUME XVIII No 7698 — Tuesday, October 20th, 1931 — יום ג׳, ט׳ חשון, פרשה לך לך, תרצ״ב. — טאראנטא, דינסטאג דער 20-טער אקטאבער, 1931. — PRICE THREE CENTS

יאפאן ווערט אביסעל מילדער אבער וויל ניט אננעמען תנאים פון פעלקער-ליג פאר שלום

אין זשענעווא גלויבט מען איצט אז די מלחמה וואלקענס וועלען פארשווינדען, ווייל יאפאן האט אנגענומען א מילדערען טאן. — אין דער זעלבער צייט פאדערט נאך אלץ יאפאן אז אמעריקע זאל זיך ניט באטייליגען אין פעלקער-ליגע פארהאנדלונגען וועגען מאנדזשוריע. — דערקלעהרט אויך אז זי וועט זיך ניט צוריקציען פון מאנדזשוריע.

זשענעווא, אקט. 19.

נאך א געהיימער סעסיע וואס איז היינט אפגעהאלטען געווארען פון דעם פעלקער ליגע ראט, איז א האפנונג דא אויסגעדריקט געווארען, אז דערפרעהענדע אויסזיכטען ווייזען זיך איצט, אז דער סכסוך צווישען יאפאן און כינע וועט אויסגעגליכען ווערען.

ערשטענס איז באריכטעט געווארען, אז די אייזענבאהן צווישען מוקדען און העילונג האט ווידער אנגעהויבען ארבייטען, און דאס איז א סימן אז די לאגע הויבט אן צו נארמאליזירט ווערען. צווייטענס האט יאפאן באשלאסען ניט צו שיקען מעהר קיין סאלדאטען קיין שאנכאי. דריטענס האט יאפאן צוגעשיקט א נאטע צום פעלקער-ליגע ראט, אין וועלכען עס מערקט זיך גאר א ווייכער טאן, און פערטענס האלט עס דערביי אז דירעקטע פארהאנדלונגען צווישען יאפאן און כינע זאלען ווידער אנגעהויבען ווערען.

די פעלקער-ליגע האט דעריבער באשלאסען מעהר ניט צו דיסקוטירען דעם ענין, און אנטשאט דעם צו העלפען אין די דירעקטע פארהאנדלונגען צווישען ביידע פאראינטערעסירטע צדדים.

טאקיא, יאפאן, אקט. 19.

אין אפיציעלע יאפאנעזישע רעגירונגס קרייזען איז היינט דערקלעהרט געווארען, אז די תנאים וועלכע זענען פון דער פעלקער-ליג ארויסגעשטעלט געווארען, צו שליכטען דעם מאנדזשורער סכסוך מיט כינע, זענען אבסאלוט ניט אננעהמבאר פאר דער יאפאנעזישער רעגירונג.

די תנאים וועלכע זענען פון דעם פעלקער ליגע ראט ארויסגעשטעלט געווארען צו יאפאן אלס א באזיס צו שליכטען דעם סכסוך זענען: ערשטענס, אז יאפאן זאל פארזיכערען דאס זי וועט צוריקציהען איהר ארמיי פולשטענדיג פון דער כינעזישער טעריטאריע, אין פארלויף פון די קומענדע דריי וואכען, און צווייטענס, אז זי וועט נאכדעם אנהויבען דירעקטע פארהאנדלונגען מיט כינע וועגען דעם ענין.

דער פעלקער ליגע ראט האט אויך רעקאמענדירט, אז די פארהאנדלונגען צווישען יאפאן און כינע זאלען פארקומען אין דער אנוועזענהייט פון נייטראלע באאבאכטער. נאך 9 עהנליכע רעקאמענדאציעס זענען געמאכט געווארען פון דעם פעלקער-ליג ראט צו יאפאן, אבער אין יאפאנעזישע רעגירונגס-קרייזען האט מען דערקלעהרט, אז אלע רעקאמענדאציעס זענען פאר יאפאן ניט אננעהמבאר.

דער קארעספאנדענט פון ,,רויטערס'' נייעס אגענטור האט באריכטעט, אז 10 יאפאנעזישע ארמיי-אפיצירען זענען ארעסטירט געווארען דערפאר וואס זיי זענען ניט געווען צופרידען מיט יאפאן'ס אינוואזיע אין מאנדזשוריע.

זשענעווא, אקט. 19.

אלע באמיהונגען פון דעם פעלקער-ליג ראט, צו שליכטען דעם מאנדזשוריע סכסוך אזוי שנעל ווי מעגליך, זענען אונטערגעבראכען געווארען, ווען יאפאן האט באנייט איהר גענגנערשאפט צו אמעריקע'ס באטייליגונג ביי די פארהאנדלונגען פון דעם פעלקער-ליגע קאונסיל וועגען מאנדזשוריע. איהר געגנערשאפט איז געבויט אויף יורידישע מאטיווען, ווייל אמעריקע איז ניט קיין מיטגליד פון דער פעלקער-ליגע.

אריסטיד בריאן האט באקאנטגעמאכט, אז צוליעב דער דאזיגער געגנערשאפט איז די ספעציעלע סעסיע פונ'ם קאונסיל וועלכע האט געזאלט אפגעהאלטען ווערען היינט, אפגעלייגט געווארען צייטווייליג, כדי ער זאל קענען פארהאנדלען די פראגע מיט די פארטרעטער פון ביידע לענדער באזונדער. בריאן האט אויך פארופען א געהיימע ספעציעלע פארזאמלונג פון דעם גאנצען ראט, אבער אהן די פארטרעטער פון כינע און יאפאן.

בריאן איז מיט דער מיינונג, אז פון א יורידישען שטאנדפונקט קאן יאפאן גארניט אנווייזען געגען אמעריקע'ס באטייליגונג אין דער פעלקער-ליג ראט, און די דאזיגע פראגע וועט איצט דארפען אויסגעדראשען ווערען.

הונדערט טויזענט היטלעריסטען דעמאנסטרירן זייער פאראייניגטע מאכט

בראנזוויק, דייטשלאנד, אקט. 19.

מעהר ווי הונדערט טויזענט ,,ברוין-העמדלדיגע'' נאכפאלגער פון אדאלף היטלער האבען זיך היינט אומגעקעהרט אהיים, נאך א פעלד-טאג מיט אמת'ע מיליטערישע מאנעווערס און דעמאנסטראציעס און רעדעס פון פאשיסטישע פיהרער. היטלער גופא האט פאראויסגעזאגט, אז גאר שנעל וועט די דייטשע רעגירונג זיך געפינען אין די פאשיסטישע הענט.

דער ,,וויק-ענד'' איז געווען א בלוטיגער ווען אן ארבייטער איז דערמארדעט געווארען, און קאל, האפמאן איז ערנסט פארוואונדעט געווארען אין א צוזאמענשטויס אין פארלויף פון א פאשיסטישער פארזאמלונג און איבער א צעהנדליג זענען לייכט פארוואונדעט געווארען.

היטלער האט געהייסען זיינע נאכפאלגער צו זיין שטארק אין קאמף מיט דער רעגירונג.

היטלער האט אטאקירט די רעגירונג פון קאנצלער ברינינג אין א שארפע רעדע וועלכע האט פארענדיגט דעם פאראד פון אוניפארמירטע טויזענטער פאשיסטען וועלכע האבען זיך אין דעם פאראד באטייליגט. דער פאראד האט זיך געצויגען איבער 7 שטונדען. אוגוסט ווילהעלם, דער זוהן פון דעם געוועזענעם דייטשען קייזער, איז אויך געווען אויף דער פלאטפארמע.

ניט רעכענענדיג זיך מיט קאנצלער ברינינג'ס זיץ אין רייכסטאג האט היטלער דערקלערט — ,,מיר האבען דאס פאלק מיט אונז. מיר נויטיגען זיך ניט אין קיינע אויסערארדענטליכע געזעצען. מיר דארפען ניט די פאליציי אדער דעם רייכסטאג''.

יאזעף גאבעלס, דער פאשיסטישער פיהרער פון בערלין, האט פאראויסגעזאגט, אז די איצטיגע רעגירונג וועט פאלען אין פארלויף פון די קומענדע 6 וואכען.

גאלד עקספארט פון קאנאדע איז פארבאטען

אטאווא, אקט. 19.

א פארבאט צו ארויספיהרען גאלד, אין וועלכער עס איז פארמע, פון קאנאדע, איז היינט ארויסגעגעבען געווארען פון דער פעדעראלער רעגירונג דורך א ספעציעלער פאראָרדנונג וועלכע איז אונטערגעשריבען געווארען פון פרעמיער בענעט אלס דער פינאנץ מיניסטער.

די פאראָרדנונג, וועלכע לייענט זיך טיילווייז אזוי, לויטעט: — אז קיינע גאלד מטבעות, אדער געלייטערטע שטיקער גאלד, ווי פשוט'ע גאלד-שטאבעס, טארען ניט ארויסגעפיהרט ווערען פון לאנד ביז דעם 1-טען מערץ 1932, אהן דער ספעציעלער דערלויבעניש פון דעם פינאנץ-מיניסטער.

,,יעדער איינער, וואס וועט אהן א ספעציעלער דערלויבעניש מאכען א פארזוך צו ארויספיהרען פון לאנד א גאלד-מטבע אדער א רויע שטיק גאלד, וועט זיין אונטערווארפען צו א שטראף פון 1,000 דאלאר אדער צו דריי מאנאטען געפענגניש, אדער צו ביידע צוזאמען.

די דאזיגע פאראָרדנונג איז שוין היינט אריין אין קראפט.

מיט דער דאזיגער פאראָרדנונג דערמעגליכט עס דער רעגירונג, צו באפרייען זיך פון אלע איהרע פארפליכטונגען (חובות) וועלכע דארפען זיין צאהלבאר אין גאלד צו אן אויסלענדיש לאנד, הויפטזעכליך, די פאראייניגטע-שטאטען. אין דער זעלבער צייט וועט קאנאדע אויפהאלטען איהרע געזעצליכע (סטעטואַרי) גאלד רעזערוועס אלס סעקיוריטי פאר די ארויסגעגעבענע קאנאדער נאטען.

אין דער זעלבער פאראָרדנונג זאגט זיך אז קיין שום דערלויבעניש זאל צו קיינעם ניט געגעבען ווערען צו ארויספיהרען גאלד פון לאנד, אויסער צו א קאנאדער געטשארטערטער באנק.

פראווינציעלע ליבעראלע קאנווענשאן היינט אין לאנדאן

לאנדאן, אנט. אקט. 19.

מארגען (היינט) עפענט זיך דא, די פראווינציעלע ליבעראלע קאנווענשאן פון אנטעריא און א צאהל פראמינענטע ליבעראלע פיהרער, ווערען דא מארגען דערווארט.

דער הויפט-רעדנער ביי דער קאנווענשאן וועט זיין רייט. האנ. וו. ל. מעקענזי קינג, דער פיהרער פון דער אפאזיציע אין פעדעראלען פארלאמענט און מיטשעל פ. העפבורען, דער פיהרער פון דער פראווינציעלער ליבעראלער פארטיי.

צווישען די אנדערע אנגעזעהענע ליבעראלען וואס וועלען אנוועזענד זיין ביי דער קאנווענשאן וועלען זיין האנ. וו. ע. נ. סינקלער; האנ. פיטער היינען, סענאטאר דזשיימס. פ. רענקין און די סענאטארען וויליאם ה. מעקווייער, דזשאהן לואיס און דשיימס ה. ספענס.

רעליגיעזע א[illegible]ן קומען פאר אין שפאנ[illegible]ון מעקסיקא

N Y Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK N Y

צוועלף מענשען דער[illegible]אין מעקסיקא. — סטודענטען סטרייקס און רייא[illegible] שפאניע. — א צאהל פארוואונדעט אין פארשיעדענע [illegible]ילען פון שפאניע. — פויערים ניט צופ[illegible]רען מיט אנטי-רעליגיעזער אקטיוויטעט אין מעקסיקא און בונטעווען זיך.

בולבאא, שפאניע, אקט. 19.

א סטודענטען סטרייק באגלייט פון אונרוהען וועלכע זענען פארגעקומען אין די הויפט-גאסען פון שטאדט, איז היינט אנגעהויבען געווארען, אין פארבינדונג מיט דער רעליגיעזער סיטואציע.

עטליכע פערזאן זענען פארוואונדעט געווארען ווען די פאליציי האט צוטריבען די סטודענטען, און א צאהל ארעסטען זענען געמאכט געווארען.

קאטוילישע סטודענטען שרייענדיג ,,לעבען זאל די פרייע רעדציאונג'', האבען מארשירט דורך די אוניווערזיטעט-גראונדס, אנהויבענדיג א סטרייק פון אלע סטודענטען אין דער פריוואטער אקעדעמיע, אינ'ם קאלעדזש פאר אינדוסטריעלער אינזשינירינג, נייוואל-אינזשינירינג און האנדעל.

אינ'ם פארשטעדטעל מאטיקא איז פארגעקומען אן איבערשוס צווישען רעפובליקאנער און נאציאנאליסטען, און 2 רעפובליקאנער זענען פארוואונדעט געווארען.

רעליגיעזע רייאטען אין מעקסיקא

מעקסיקא-סיטי, אקט. 19.

פאליטישע און רעליגיעזע רייאטען זענען נעכטען פארגעקומען אין פארשיידענע טיילען פונ'ם שטאט ווערא-קרוז.

די צייטונג ,,אוניווערסאל'' גיט איבער, אז א גרויסע גרופע פויערים, וועלכע זענען ניט צופרידען מיט די אנטי-רעליגיעזע געזעצע פון טלאפאקאיאן, האבען געשטורמט די מוניציפאלע געביידע, טויטענדיג 12 פערזאן, איינשליסענדיג דעם מעיאר, מענועל לאפעז, און דעם פאליציי-קאמענדאנט. דרייסיג זענען פארוואונדעט געווארען.

בני-ברית וועט ביישטייערן $500 פאר צדקה-פעדעראציע

ביי א פארזאמלונג וואס איז נעכטען אווענט אפגעהאלטען געווארען פון דעם בני-ברית אין טאראנטא, איז איינשטימיג באשלאסען געווארען, אז דער בני-ברית זאל ביישטייערן פאר דעם צדקה-פעדעראציע קאמפיין, די סומע פון $500.

מר. פערלמאן איז געווען פארזיצער פונ'ם מיטינג, און מר. אויערבאך האט געמאכט דעם אפיעל פאר דער ביישטייערונג און די דערמאנטע סומע איז נאכ'דעם איינשטימיג באשלאסען און גוטגעהייסען געווארען.

דער צדקה-פעדעראציע קאמפיין פאר א סומע פון 175 טויזענט דאלאר, ווערט אין גיכען אנגעהויבען.

רומעניש-אידישער פירער, אדאלף שטערן געשטארבען

בוקארעסט, אקט. 19, (איטא).

אדאלף שטערן, א גוט-באקאנטער אידישער אדוואקאט און א רומעניש-פאליטישער פיהרער, איז דא נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 84 יאהר.

שטערן איז געווען דער גרינדער פון דעם פאראיין פון רומענישע אידען, און איז געווען א שטארקער קעמפער פאר אידישע מינאריטעטען רעכט. פון 1922 ביז 1926 איז ער געווען דעפוטאט אין רומענישען פארלאמענט, און איז געווען פרעזידענט פון דעם אידיש-פארלאמענטארישען קלוב.

ער איז אויך געווען פרעזידענט פון דער אידישער קהלה פון בוקארעסט. ער איז אויך געווען באקאנט אלס שרייבער, און ער האט איבערזעצט שעקספיר'ס דראמען אויף רומעניש.

אידישע קהלות אין בערלין, וויען און בודאפעסט, ווערען קלענער

וויען, אקט. 19 (איטא).

אין פארלויף פון די פיער מאנאטען מאי, יוני, יולי און אויגוסט האבען 246 אידען פארלאזען דאס אידענטום אין וויען, אין פארגלייך מיט 85 וועניגער אין פארלויף פון דעם זעלבען פעריאד פון א יאהר פריהער.

צוזאמען מיט די געשמדטע האט די אידישע קהלה אויך פארלוירען דורך טויטען-פאלען פאר דעם זעלבען פעריאד נאך 839 אידען, בעת פאר דער זעלבער צייט זענען בלויז 383 געבוירען געווארען. דאס צייגט א געוואלדיגע פארקלענערונג אין דער ווינער אידישער קהלה.

צוליעב דעם וואס וועניגער אידישע קינדער געהען אין די לערן-אנשטאלטען, האבען א צאהל אידישע לעהרער פארלארען זייערע שטעלעס אבער די מוניציפאליטעט האט זיי, ביז איצט געהאלטען פאר אנדערע ארבייטען.

בערלין, אקט. 19 (איטא).

די אפיציעלע רעקארדס וועלכע זענען היינט פארעפענטליכט געווארען צייגען אז אין פארלויף פון דעם יאהר 1930 האבען 354 אידישע מענער און 232 אידישע פרויען אויפגעגעבען דעם אידישען גלויבען.

דערפאר אבער האט די פראטעסטאנטישע קירכע פארלוירען דורכ'ן יאהר 59,255 פון איהרע מיטגליעדער.

בודאפעסט, אקט. 18 (איטא)

פון צוויי הונדערט אידישע לעהרער וועלכע האבען געלערענט אונגארישע קינדער אין פארלויף פון דעם פארגאנגענעם יאהר, איז די צאהל איצט פארקלענערט געווארען אויף הונדערט און צוואנציג לעהרער. צוליעב דעם וואס די אידישע באפעלקערונג ווערט אלץ קלענער און קלענער.

די אידישע קהלה פון בודאפעסט האט באשלאסען צו באגרעניצען די צאהל קאנדידאטען פאר אידישע לעהרער, אננעהמענדיג פאר דעם היינטיגען יאהר בלויז 16 לעהרער כדי צו פארמיידען פון א גרעסערער ארבייטסלאזיגקייט צווישען אידישע לעהרער.

באהאלט זיך אין א קליידער שאפע און ווערט געפונען

ווען די פאליציי איז נעכטען געקומען אין א הויז אויף ראשהאלם ראוד, מיט א וואראנט צו ארעסטירען אברהם ווילינסקי, אויף א קלאגע פון צונעהמען א ,,סלאט'' מאשין און צונעהמען 10 דאלאר קעש, אין סטראטפארד, אנט., האט מען געזאגט די דעטעקטיוום אז ווילינסקי איז ניטא אין שטאדט און אז ער וועט ניט זיין א פולע וואך.

אבער אויסגעלאזען האט זיך אז די דעטעקטיוום האבען איהם גאר געפונען באהאלטען אין א קליידער שאפע.

אידיש-דייטשער דראמאטורג געשטארבען

בערלין, אקט. 19, (איטא).

געארג ענגעל, א דייטשיש-אידישער דראמאטיסט און געוועזענער דראמאטישער קריטיקער פאר דעם ,,בערלינער טאגעבלאט'', איז דא נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 65 יאהר.

דער פארשטארבענער האט זיך דערווארבען א גרויסע רעפוטאציע סיי אלס שרייבער פון נאוועלען און סיי אלס שרייבער פון דראמען. איינע פון זיינע נאוועלען ,,האנס קלוטה פילאזאפער'', איז ארויס אין פופציג אויסגאבען.

,,גראף צעפעלין'' מאכט גוטען פארשריט

לאנדאן, אקט. 19.

די שיף ,,פערסעאוס'' האט היינט אינפארמירט דורך ראדיא, אז זי האט געזעהן דעם ,,גראף צעפעלין'' ניט ווייט פונ'ם דרום אמעריקאנישען ברעג.

דער צעפעלין פליהט איצט צום דריטען מאל פון פרידריכסהאפען נאך פערנאמבוקא, בראזיל.

מאן וואס האט צושלאגען פרוי, נאך ניט געכאפט

דער לאקאלער פאליציי איז נאך אלץ ניט געלונגען צו כאפען דעם ברוטאלען מאן, וועלכער האט שבת אווענט געשאסען און מערדערליך צושלאגען מיס אסתר מעקלוני, אין איהר ביוטי פארלאר אויף בלור סטריט, לעבען ראווערקאורט ראוד.

א גענעראלער אלארם איז געבראדקעסט געווארען צו אלע פאליציי דיוויזיעס אין טאראנטא צו כאפען דעם מאן.

כינעזער טויטען קארעאנער

מוקדען, מאנדזשוריע, אקט. 19.

דריי הונדערט אנטלאפענע כינעזישע סאלדאטען האבען אטאקירט און געטויט א סך קארעאנער אין טונגאליאא, היינט פריה.

וואַרסיטי וויל א באזונדער קאלעדזש אין טאראנטא אוניווערזיטעט

די ,,וואַרסיטי'', דער ארגאן פון די טאראנטאר אוניווערזיטעט סטודענטען, איז היינט ארויסגעקומען מיט אן עדיטאריעל פארשלאגענדיג, אז א באזונדער אידישער קאלעדזש זאל עטאבלירט ווערען אינ'ם טאראנטאר אוניווערזיטעט.

נעהמענדיג אין אנבעטראכט די פארטיילען און פארלוימדונגען וואס אידישע סטודענטען האבען זיך צו אויסשטעהן, און אויך נעהמענדיג אין אנבעטראכט וואס אלע קאלעדזשעס זענען ממש איבערגעפאקט, שלאגט די ,,וואַרסיטי'' פאר, אז א אידישער קאלעדזש, וועלכער זאל גענויסען פון די זעלבע פריווילעגיעס, געזעצען און דערציאונגס-סיסטעם ווי אין אנדערע קאלעדזשעס, זאל עטאבלירט ווערען.

די צייטונג שרייבט, אז פון א סאציאלען, קולטורעלען און רעליגיעזען שטאנדפונקט, וואלט א אידישער קאלעדזש געווען אויסגעצייכענט.

מושב-זקנים גרייט זיך פאר ענערגישען קאמפיין

אז א מאנאטליכער קאמפיין צו פארגרעסערען די מיטגלידערשאפט פון מושב-זקנים, זאל אין גיכען אנגעהויבען ווערען, איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע באשלוסען, וועלכער איז אנגענומען געווארען ביי דער צווייטער מושב-זקנים קאנפערענץ וועלכע איז אפגעהאלטען געווארען זונטאג אווענט מיט פארטרעטער פון שוהלען, ארגאניזאציעס, אוקזיליערים און סאסייטיס אנוועזענד.

דער פרעזידענט פון דעם מושב זקנים, מר. ס. הערים האט איבערגעגעבען א לענגערען באריכט וועגען דער איצטיגער לאגע פון דעם מושב זקנים און ער האט דערקלעהרט אז א באלדיגע אקציע וועט מוזען אומבאדינגט תיכף גענומען ווערען, כדי צו ראטעווען דעם וויכטיגען אנשטאלט.

—דער גענויער דאטום פון דעם-קאמפיין וועט באשטימט ווערען ביי דער דריטער קאנפערענץ וועלכע וועט אין גיכען פאררופען ווערען.

עס איז אויך באשלאסען געווארען אז דער מושב-זקנים זאל אונטערנעהמען א טעאטער-נאכט אין מאנאט דעצעמבער.

שטאדט-ראט וויל אז געוועזענע סאלדאטען זאלען ניט ארבייטען אין ,,ארמיסטים דעי''

דער סיטי-קאונסיל האט נעכטען גוטגעהייסען א פארשלאג וועלכער איז געמאכט געווארען פון אלדערמאן ברעי, פארשלאגענדיג אלע ארבייטס-געבער אין טאראנטא, וועלכע באשעפטיגען געוועזענע סאלדאטען, אז זיי זאלען באפרייט ווערען פון זייער ארבייט פאר דעם טאג פון דעם 11-טען נאוועמבער — ,,רימעמברענס דעי'' — ווען דאס גאנצע לאנד וועט דערמאנען דעם אנדענק פון די געפאלענע קאנאדער סאלדאטען אין פארלויף פון דער לעצטער מלחמה.

דער מעיאר האט דערקלעהרט, אז די באארד אף קאנטראל האט שוין אויטאריזירט א פראקלאמיציע, דערקלעהרענדיג דעם 11-טען נאוועמבער אלס א נאציאנאלער יום-טוב.

אטאווא, אקט. 19.

דער דעפארטמענט פונ'ם סעקרעטערי אף סטייט האט היינט דערקלעהרט, אז ,,ארמיסטים דעי'' וועלכעס קומט אויס דעם 11-טען נאוועמבער, וועט געפייערט ווערען היינטיגס יאהר אלס א נאציאנאלער יום-טוב איבער'ן גאנצען לאנד, פונקט אזוי ווי דאמיניאן דעי, לייבאר דעי, און ד. גל.

9 מיינער געטויט אין דייטשלאנד

באקום, וועסטפאליא, דייטשל., אקט. 19.

ווען א מינע, ניט ווייט פון דאנען, האט היינט עקספלאדירט, זענען 9 מיינערס דערהרג'עט געווארען, 27 זענען פארוואונדעט געווארען, און 31 אנדערע זענען ארויס אונבאשעדיגט.

אין דער זעלבער מינע זענען 83 מיינערס דערהרג'עט געווארען פאר אן אויפרייס מיט א פאר יאהר צוריק.

יונג מיידעלע אטאקירט פון ברוטאלע יונגעלייט

א 14-יאהריג טאראנטאר מיידעלע איז היינט געווען דער קרבן פון א שענדליכער אטאקע פון עטליכע יונגעלייט וועלכע האבען זי אריינגענארט אין אן אויטאמאביל, בעת זי איז געגאנגען פון סקול, און האבען זי אטאקירט און נאכדעם ארומגעפיהרט זי אין א פארמעכטען אויטאמאביל מיט א בלענקעט ארומגעדעקט איהר פנים, עטליכע שטונדען צייט.

לויט ווי עס ווערט פארזיכערט, האט קיין שלעכטס ניט פאסירט, אבער דאס מיידעלע איז געווען אזוי דערשראקען ווען זי איז געקומען אהיים, אז זי האט ניט געקענט ארויסריידען א ווארט. פאליציי זוכט איצט ארום די חברה'לייט.

אידישע מעדיקעל סטודענטן ווערען דיסקרימינירט

פילאדעלפיע, אקט. 19 (איטא)

אלס רעזולטאט פון דער דיסקרימינאציע וואס ווערט פראקטיצירט געגען אידישע סטודענטען אין די מעדיקעל סקולס פון ניו יארק, האט דער אמעריקאנער אידישער קאנגרעס, וועמענס 9-טע קאנווענשאן ווערט דא היינט אפגעהאלטען, באשלאסען צו אנווענדען אלע מעגליכקייטען פאר'ן קומענדען יאהר, צו באקומען די קאאפעראציע פון די מוניציפאלע און שטאאטס פיהרער און פירער אינ'ם ניו יארקער לעבען בכלל, אז עס זאל עטאבלירט ווערען א מעדיקעל סקול אין ניו יארק, אונטערן אויפזיכט פונ'ם שטאדט מיט — האספיטאליזאציע וועלכע עס זאל קאנטראלירט ווערען פון די שטאדטישע האספיטעלער וואוהין סטודענטען זאלען צוגעלאזען ווערען, ניט אויפ'ן גרונט פון זייער רעליגיע, נאר אויף דעם גרונט פון זייערע פארדיענסטען.

עס איז באוויזען געווארען אז די דיסקרימינאציע געגען אידען אין ניו יארקער מעדיצינישע קאלעדזשעס איז זעהר גרויס, און האט לעצטענס אפילו אנגענומען א דראהענדען כאראקטער.

סטענדערד טעאטער טרופע שפילט היינט אין האמילטאן

די סטענדערד טעאטער טרופע וועלכע האט זיך אזוי באליעבט געמאכט אין טאראנטא פאר דער קורצער צייט וואס זי שפיעלט דא, וועט היינט אווענט אויפטרעטען אין האמילטאן, לויט ווי עס איז שוין נעכטען באקאנט געמאכט געווארען.

דאס איז דאס ערשטע מאל פון היינטיגען סעזאן וואס די טרופע פאהרט ארויס פון טאראנטא. דער היינטיגער אויפטריט איז א בענעפיט פאר דעם ארבייטער רינג בראנטש 384.

עס ווערט געשפיעלט דאס שעהנע לעבענס בילד "אזוי איז דאס לעבען" וועלכעס האט אין טאראנטא זעהר אויסגענומען.

אונטערוועלט

שפאנענדער ראמאן פון שטענדיגען קאמף צווישען פארברעכער און געזעץ.

— פון —
מארק סארדעל
(נאכדרוקען פארבאטען)

(פארזעצונג)

ווען סטעלא האט דערלאנגט די קאווע צום טיש, האט מענועל — פארפיהרט א שמועס:

— וועל, מר. בלעק, וואס האט איהר עפעס גוטעס צו דערצעהלען?

לו האט זיך געפיהלט אין א פארלעגענהייט. ער האט עפעס געוואלט זאגען און האט ניט געוואוסט ווי אזוי אנצוהויבען.

— שטער איך אייך, פיעלייכט? — האט סטעלא געזאגט און האט זיך אויפגעהויבען.

— ניין, ניין, זיץ גאנץ רוהיג — האט מענועל געזאגט — איך וועל אריינגעהן מיט מר. בלעק אין צווייטען צימער. איך האף דו וועסט גאר ניט האבען דאגעגען.

— א, דו קענסט טאן ווי דו פארשטעהסט — האט סטעלא געענטפערט.

לו האט פרייער אויפגעאטעמט. עס איז איהם געווען שווער צו רעדען אין דער אנוועזענהייט פון א דריטער פערזאן.

איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז פאר מענועל'ן אליין וועט איהם לייכטער זיין צו רעדען.

מענועל האט דאס אלץ גאנץ שנעל באגריפען.

ווען זיי זענען אריינגעקומען אין צווייטען צימער האט מענועל פארמאכט די טיר און האט געבעטען בלעק'ן זיך צו זעצען.

לו האט זיך געזעצט און האט געדרעהט די העט צווישען די פינגער.

מענועל האט פארשטאנען אז בלעק וועט קיינמאל ניט רעדען, אויב ער אליין וועט ניט מאכען דעם אנהויב. ער האט דערפאר לאנג ניט געטראכט און האט געזאגט:

— נו, דערצעהלט, ליבער בלעק, שעהמט זיך ניט. האט פרידע אייך געשיקט צו מיר?

— יא, פרידע.

— האט זי אייך דערצעהלט וואס איך האב מיט איהר גערעדט?

— יא. זי האט מיר אלץ דערצעהלט.

— זענט איהר צופרידען אנצונעמען א שטעלע ביי מיר?

לו האט ניט געענטפערט. ער איז ווידער רויט געווארען און האט ניט ארויסגעלאזט די העט פון זיינע הענט.

— זאגט דעם אמת — האט מענועל געזאגט — איז פאראן עפעס, וואס האלט אייך צוריק?

— וועל . . .

— זאגט, זאגט. קיינער הערט אייך דא ניט.

— איך ווייס ניט צי איך וועל קענען ארבייטער פאר אייך.

— פארוואס דענקט איהר אזוי?

— איך ווייס ניט וואס פאר אן ארבייט איהר טוט.

— עס מאכט ניט אויס — האט מענועל געזאגט — וואס פאר אן ארבייט איך טו. אבער איך פארזיכער אייך, אז דאס וואס איך וועל פון אייך פארלאנגען, וועט איהר קענען טאן. איהר האט גאר ניט וואס צו שרעקען זיך. האט איהר געזאגט מר. לאווסטאן אז איהר געהט פון איהם אוועק?

— ניין. איך האב ניט געזאגט.

— פארוואס ניין? — איהר דארפט דאך איהם לאזען וויסען, אז איהר ארבייט ניט מעהר פאר איהם.

— איך האב איהם געשריבען א בריעף.

— דאס איז ניט שלעכט. דאס איז זעהר פיין. איהר האט געהאנדעלט זעהר ריכטיג, מיין פריינט.

לו האט זיך דערפיהלט דערמוטיגט פון די רייד און זיין פנים האט אויפגעשטראלט:

— איהר מיינט עס טאקע ערנסט?

— יא. איך מיין עס גאנץ ערנסט. און דא סאליין צייגט מיר, אז איהר וועט מיט דער צייט ווערען א גאנץ גוטער אסיסטענט. הייסט עס, אז איהר נעמט אן די שטעלע?

— יא... איך וועל טאן ווי איהר הייסט.

— איך הייס אייך גארניט, מיין פריינד! — האט מענועל געשמייכעלט.

— איהר זענט א פרייער מענש מיט א פרייען ווילען. איהר קענט, און איהר דארפט אלע מאל טאן נאר ווי איהר אליין פארשטעהט...

— איך דאנק אייך. איהר זענט זעהר גוט צו מיר.

מיט אמאל האט זיך דערהערט א קלאפ אין טיר. מענועל האט אומגעדרעהט דעם קאפ:

— ווער איז? — האט ער געפרעגט.

סטעלא האט געעפענט א שפאלט פון דער טיר. זי איז געווען בלאס און צושראקען.

— וואס איז געשעהן? — האט מענועל אויסגערופען און איז צוגעלאפען צו איהר.

סטעלא האט געשטאמעלט שטילערהייט:

— א מאן וויל דיך זעהן...

— וואס־זשע האסטו זיך דערשראקען?

— ס'איז... ס'איז מר. לאווסטאן...

— לאווסטאן? — האט מענועל איבערגעפרעגט ווערענדיג שטארק איבערראשט.

לו האט זיך דערשראקען אויף טויט ווען ער האט דערהערט דעם נאמען און האט זיך אזוי ווי געוואלט אריינשפארען אין א ווינקעל פון'ם צימער.

— יא, ער... — האט סטעלא געשטאמעלט.

מענועל האט זיך באלד בארוהיגט און האט אויסגערופען מיט א שמייכעל.

— וואס־זשע האסטו זיך דערשראקען?

— איך ווייס אליין ניט — האט סטעלא געענטפערט.

— ער וויל דיך זעהן.

— איך געה גלייך ארויס צו איהם — האט מענועל געזאגט, און ארומקערענדיג זיך צו בלעק'ן האט ער צוגעלייגט:

— איהר בלייבט דא. ער דארף אייך דא ניט זעהן.

דאס איז געווען איבעריג. לו איז געווען אזוי צושראקען, אז ער האט אפילו ניט געקענט טראכטען פון פארלאזען איצט דאס צימער.

— מענועל איז צוזאמען מיט סטעלא'ן ארונטער אין פראנט־צימער, וואו מר. לאווסטאן האט געווארט.

מר. לאווסטאן איז געווען אויסגעפוצט אין זיין זונטאגדיגען סוט. ער איז געווען גלאט אפגעראזירט און א דיקער סיגאר האט געשטעקט צווישען זיינע צייהן. ער האט זיך פריינדליך באגריסט מיט מענועל'ן.

— איך האף — האט ער געזאגט — איך האב אייך ניט געשטערט.

— א, ניין, ניין — האט מענועל געזאגט און האט איהם געדריקט די האנט — עס פרעהט מיך זעהר אייך צו זעהן.

— מיך אויך — האט דער שעריף געזאגט.

מענועל האט אויף זיין גאסט געווארפען א שארפען בליק. ער איז געווען איבערראשט פון אזא אומערווארטעטען באזוך. ער האט אבער געזוכט צו באהאלטען זיין נייגעריגקייט און האט באשלאסען צו זיין זעהר פארזיכטיג.

— וואס, אייגענטליך, האב איך צו פארדאנקען אייער וויזיט, מר. לאווסטאן? — האט מענועל געפרעגט.

— א, ניט באזונדערס — האט לאווסטאן געענטפערט, מיט א לייכטען שמייכעל, אזוי ווי ער וואלט געזוכט צו מאכען דעם איינדרוק, אז זיין קומען אהער איז מעהר צופעליג ווי מיט א געוויסען פלאן — איך האב א געוויסע ארבייט דורכצופיהרען, וואס איך דענק, אז איהר קענט מיר העלפען אין דעם.

— איך? — האט מענועל זיך געוואונדערט. וואס מעהר לאווסטאן האט גערעדט, אלץ מעהר איז מענועל געווארען ביי זיך זיכער, אז לאווסטאן איז געקומען צו איהם מיט א באהאלטענעם געדאנק.

— אבער איידער איך וועל אייך זאגען וועגען וואס איך בין געקומען — האט דער שעריף ווייטער געזאגט — מוז איך זיך פאר אייך אנטשולדיגען.

— אנטשולדיגען? פארוואס דען? — האט מענועל נאך מעהר זיך געוואונדערט.

— עס האט זיך אזוי געמאכט. — האט לאווסטאן געזאגט — אז די פאר מאל וואס מיר האבען זיך באגעגנט, האט איהר מיך געטראפען אין אן אויפגערעגטען צושטאנד.

— דאס איז ווירקליך מערקווירדיג — האט מענועל געענטפערט.

(ווייטערעס קומט)

רבי וואהלגעלערנטער אין מאנטרעאל וועגען די „יונייטעד סינאגאג"

זונטאג אווענט איז רבי י. אלימלך וואהלגעלערנטער, פון האמילטאן אפגעפאהרען אין מאנטרעאל, וואו ער וועט

ראביי וואהלגעלערנטער.

פארברייינגען איבער דער וואך. דער צוועק פון רבי וואהלגעלערנטער'ס באזוך איז צו העלפען ארגאניזירען אין יענער שטאדט א קאמיטעט פאר דער אראנזשירונג פון דער געפלאנטער אל־קאנאדער שוהלען־קאנווענשאן.

רבי וואהלגעלערנטער איז א מיטגליד פון דער אנטאריא'ר קאמיטע פון פינף, וועלכע איז ערוועהלט געווארען לעצטען מאנטאג ביי דער פראווינציעלער קאנפערענץ פון דער "יונייטעד סינאגאגס", צו פארברייטען די קאנווענשאן.

5־טער יערליכער
פאלקס פאראיין
באל
— דעם —
31־טען
דעצעמבער
נייע יאהר איוו.
— אין —
קאליסעאום
בילעטען צו 50 סענט
שוין צו באקומען ביי די פאלקס פאראיין טוער.

ארגאניזאציעס ווערען געבעטען ניט צו פארנעהמען דעם דאטום.

וואנצן, קאקראטשעס און גרילען
און אזוי ווייטער, אויסגעריינגט מיט הידרא־סייעניק גאז. אלע ארבייט גאראנטירט. טעלעפאנירט די ספעציעלע פרייזען פאר סטארס וועלכע זענען געשלאסען יום טוב.
סאניטארי
פיומיגייטינג קאמפאני
747 באטהורסט סט.
מעלראז 1251

ראדיאס
געפיקסט
ביי א אידישען עקספערט ראדיא מעקעניק צו די ביליגסטע פרייזען.
טעלעפאנירט: דזש. גאלדבערג
מעלראז 1978
250 קלינטאן סטריט.
צופרידענהייט גאראנטירט.

צו שניידער און פריוואטע קאסטימער
מיר פארשטאפען און פארוועבען לעכלאך אין אלע סארטען סחורה, וועלכע זענען אויסגעגעסען פון מאיל, א ברען אדער אן אנדער סארט ריסען, אדער אפגעריבענקייט.
ניו יארק שטאפער און וועבער
546 דאנדעס סטריט וועסט
טריניטי 7974

פיינטינג, פייפער
הענגינג
מיר דעקארייטען אייערע רומס פאר 5 דאלאר א רום, מיט אונזערע פייפער. טעלעפאנירט גלייך: — לאמבארד 6951.

אקאונטענט־בוקקיפער
12 יאהר עקספיריענסד, וועט פיהרען אייערע ביכער טייל־צייט, אדער אודיטען זיי, פרייזען פון 5 דאלאר מאנאטליך און העכער.
א. א. גאלדענבערג
75 האמוואוד דרייוו
הילקרעסט 7504W.

צו האבען א יאר פון
פראספעריטי
געהט גלייך און בייט אייערע קריזים קליידער און ארדערט פראספעריטי קליידער, גוטע טאפ קאוטס, ווינטער קאוטס, פאל סוטס פון דער נייער ווארע און לייטעסט דעזיינס, זעהר ביליגע פרייזען. פאר מעהר אינפארמאציע ביי: —
צוויסעל, 606 דאנדעס וועסט
7437-11-4)

פיינטינג פייפער
הענגינג
מיר מאכען אייערע אלטע הייזער אויסקוקען ווי נייע. — רופט אונז בעפאר איהר פייפערט אדער פיינט. טעלעפאנירט גלייך טריניטי 7304 W.
ניו יארק דעקארייטארס

חזן ב. וולאדאווסקי



היגיעניש געשולטער סוירודשען
מוהל
— אויך —
מאדערנער מסדר קדושין
סוירוויסעס אין ענגליש
עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז דער בענעפיט פון זייערע קינדער
קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען צו זייערע שמחות. איך וועל קיינעם ניט ענטזאגען צו קומען.
וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו.
טעלעפאן קינגסדייל 8832.
ארימע אומזיסט.

פאטראניזט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז פעקטארי אפיס און סטאר קלינינג בעסטע ארביים צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך, און יעהרליך. 422 בעי סטריט. טעלעפאן עדלייד 8087 נאך 7 אווענטען טריניטי 6520 M
NEW YORK
WINDOW
CLEANING CO.
427 BAY ST

צו פארקויפען

איבערצוגעבען א קארנער גראסערי סטאר. אורזאכע אויפ'ן פלאץ. 841 דאנדעס סטריט וועסט.
7735-10-20)

צו פארקויפען א גוט געהענדע און לאנג עסטאבלישטע שוה סטאר מיט א רעפיירינג שאפ, צוזאמען אדער באזונדער, גוטע פרנסה און א לעבען צו מאכען גאראנטירט. אורזאכע קראנקהייט, קען ניט אטענדען. שרייבט צו פאסט אפיס באקס 912 קארנוואל, אנט.
7524-10-13-16-20)

א בארגיין צום שנעלען קויפער. איבערצוגעבען א גראסערי, פרוכט און קרימערי ביזנעס, בעסטען אידישען געגענד, גאראנטירט א לעבען צו מאכען. אורזאכע אויפ'ן פלאץ. 682 קאלעדזש סטריט.
7756-10-23)

צו פארקויפען א דעליקאטעסען סטאר זיכער א לעבען צו מאכען. אורזאכע אויפ'ן פלאץ. פרעגען 614 דאנדעס סט. וועסט. טריניטי 770־.
7758-10-21)

צו פאררענטען

צו פארענטען א שעהנע פוירנישט א פיינער הויז, נאר אנשטענדיגע מענשען זאלען זיך ווענדען טעלעפאן טריניטי 3008 W.
***)

צו פארענטען א סטאר מיט 2 ווינדעס, 7 רומס, ניי דעקארירט, אלע קאנוויניענס, 335½ קווין איסט. פאסיג פאר אלערליי ביזנעס. פרעגט 337 קווין סט. איסט. קען גלייך אריינמופען. טעלעפאן גלעדסטאן 1725.
7668-10-20)

צו פארענטען אן אפסטערז דופלעקס ניי דעקארירט, 6 רומס, סאן רום, הארדוואוד פלארס, סטים היט, בליינדס, פיקסטשורס, פראנטש טירען, בעק און פראנט ווארענדעס, גלייך אריינצומופען. 191 ראבערט סטריט.
7700-10-20)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס, הארדוואוד פלארס, סטים היט, גרויסע ווארענדע, סינק אין קיטשען, ביי א קליינער פאמיליע. 33 נעסאו סטריט. טעלעפאן טריניטי 4146 W.
7725-10-20)

צו פארענטען א מאווינג פיקטשור שאפ, 520 סיטס, מיט טאקיס. פרעגען קענוואוד 2781. 223 גלענהאום עוו.
75855-10-20)

צו פארענטען אן אפארטמענט פון 4 רומס, הייסע וואסער, אלע קאנוויניענס. 628 קאלעדזש סט.
7707-10-20)

צו פארענטען א נייע הויז מיט אלע מאדערנע קאנוויניענס. 7 רומס. 239 בראנזוויק עוו. פרעגען לאמבארד 7153.
589-10-22)

צו פארענטען אן 8 רומיגע הויז, אלע מאדערנע קאנוויניענס, הארדוואוד פלארס, 113 נעסאו סטריט. מעלראוז 4803.
7762)

צו פארענטען א שעהנע פוירנישר רום, אלע קאנוויניענס. 405 מענינג עוו.
7761-10-21)

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס, הארדוואוד פלארס, סינק אין קיטשען גאראדזש. מעסיגע רענט. 437 גרייס סטריט.
7759-10-21)

צו פארענטען 2 פוירנישד רומס, קען נוצען געז, קוילען סטאוו, דישעס. פאסענד פאר א קאפעל ביי אן אלמן אהן קינדער. 18 לעאנארד עוו.
7757-10-21)

צו פארענטען 2 רומס, הארדוואוד פלארס, אלע קאנוויניענס, 1 גרויסער פראנט רום און א קיטשען. 100 בעלווודס עוו.
7764)

ראבקינ'ס
פארסעל איידזשענסי
וועלכער האט דירעקטע פארבינדונגען מיט רוסלאנד שיקט
שפייז פעקלאך קיין רוסלאנד
פריי אהן דיוטי
100 פראצענט גאראנטיע, שנעלע צושטעלונג אין ארדנונג, נייער אויסוואל פון עסען זאכען און זייף. די ביליגסטע פרייזען אין קאנאדע.
לאזט וויסען דאס פובליקום, אז ער מופט ווידער זיין אפיס, 309 ספעדיינע פון 1־טען נאוועמבער אין זיין וואוינונג:
172 פאלמערסטאן עוו.
קארנער דאנדעס סטריט.
טעלעפאן טריניטי 5959
ארדערס ווערען אנגענומען אלע טעג טעג אין וואך, אלע צייטען.
געלט געשיקט שנעל און זיכער

פארלאנגט

א באי 18 יאהר אלט, זוכט עני סארט ארבייט. פרעגט ראזען, 75 אגוסטא, טריניטי 5168.

די קאנגרעגיישאן כנסת ישראל פארלאנגט א שמש דער פאסיגער מאן זאל זיך ווענדען צו מר. טענענבאום, 138 מארייא סטריט, וועסט טאראנטא.
587-10-21)

פארלאנגט אן עקספיריענסד מאן אויף פאקעטבוקס און אויב ווילינג אריינגעהן אין די ביזנעס אלס פארטנער. — פרעגט קענערע לעדער נאוועלטי קא. 274 קאלעדזש סטריט.
588)

יונגע דייטשע פרוי זוכט הויז ארבייט ביים טאג אדער וואך. עלגין 5466.
7760-10-21)

פארלוירען

פארלוירען א רינג מיט א קליינעם דיימאנד, מייסאניק עמבלעם און לעטער "מ" אויף'ן זעלבען. גוטע באלוינונג. — מעלראז 1642.
7763)

הרב מאיר צבי לעווי
וואוינונג איז יעצט
362 פאלמערסטאן
דאנסטעירז צווישען קאלעדזש און אלסטער. טריניטי 3139.
די טיהרען זענען אפען פאר יעדען צו ענטפערען אלע רבנישע ענינים.

ראדיא עריאלס $3.00
אויפגעשטעלט מיט אונזער מאטעריאל.
ארבייט גאראנטירט.
פרעגען פאר מר. האפמאן
לאידברוק 5865

קאנגא
מעדיצינען
ליידט איהר פון עקזימא, הויט־קראנקהייט, דאן נוצט דעם וואונדערבארען זאלב קאנגא־סעוו. ליידט איהר פון רהומאטיזם, שטייפע גליעדער, רייבט זיך איין מיט קאנגא לינימענט. צו באקומען ביי סינגער ברידער (דראגיסטען) 26 קווין א. טעלעפאן עלגין 7512. מיר דעליווערען און שיקען ביי מעיל, אלס פריי.
SINGER BROS.
DRUGGISTS
26 QUEEN ST. EAST
TEL. ELGIN 7512
ליידט איר פון א ברוך?
(ראפטשורד)
א גוטע טראס און גוט צוגעפיט, באקומט איהר נאר ביי די סינגער ברידער, זיי זיינען די איינציגע אידישע אגענטען פון די גרעסטע טראס קאמפ.

חפצ'ס
שפייז פעקלאך
קיין רוסלאנד
רעגיזוערט אהן דיוטי
100 פראצענט גאראנטירטע צושטעלונג, נייע אראנזשמענטס, נידעריגסטע פרייזען אין אמעריקע, פארשידענע נייע עסען־זאכען און זייף.
דער איינציגער אפיס מיט דירעקטע פארבינדונגען מיט רוסלאנד. שיקט א פעקעל היינט! דאלארען אייערע קרובים אויף יום טוב טעלעגראפיש בלויז 25 סענט! דיוטי דא הי.
חפצ'ס שיפס קאנטאר
DOMINION TICKET OFFICE
143 קווין סטריט וועסט
עדעלייד 5971
שיפסקארטען — געלט שיקען — סיטיזען פייפערס — מארטגיידזשעס אינשורענס.

DUFFERIN
PARK
טאראנטא דרייווינג קלוב
אינקארפארייטעד
ראנינג
רייסעס
אין
דאפרען פארק
פון שבת 17־טען אקט.
ביז שבת 24־טען אקט.
רייסעס הויבען זיך 2.30 נ. מ.
איינטריט $1.50
(טעקס אריינגערעכענט)
SAMUEL McBRIDE, President.
JOHN LOCK, Treasurer.



איר קענט אויך
האבען מאדערנע באקוועמליכקייט און ווארימקייט אין אייער היים היינטיגען ווינטער. אויטאמאטיש קאנטראלירט און שפארען געלט אויף קוילען.
שאפט זיך איין דעם בארימטען
„וועלש בלאוער"
פאר אייער פוירנעס
רופט אפ טריניטי 2436.
וויכטיג: — אונזער סוירוויס און ריפייר דעפארטמענט איז איצט גרייט צו פיקסען אלערליי בלאוערס, גרייטס און אזוי ווייטער.
Welsh Blower & Stoker Co.
BANK OF NOVA SCOTIA BLDG.
Dundas & Spadina Trinity 2436
דער "וועלש בלאוער" צאלט פאר זיך אליין

ספעציאליסטען! אין קלינען און פרעסען
גיט אונז א פרובע און איהר בלייבט אונזער שטענדיגער קאסטימער. טעלעפאנירט אונז: —
לייכט צו געדענקען טריניטי 6600
בלויז 65 סענט
לייכט צו געדענקען טריניטי 6600
מענער סוטס און קאוטס געקלינט און געפרעסט
מיר קומען נעהמען און דעליווערען
ליידיס קליידער געקלינט און געפרעסט
CROWN CLEANERS & TAILORS
688 COLLEGE ST. TRINITY 6600

נייעס ביי אונז אין שטאדט

הונדערט נעכטען, צוויי הונדערט היינט, אפגעפארען אין נארד

נעכטען אוונט זיינען פון טאראנטא אפגעפאהרען נאך 55 ארבייטער אין אנטאריא נארד, צו ארבייטען אויף דער האיוועי. מיט זיי זענען געפאהרען 25 פון יארק טאונשיפ און 20 פון איסט יארק. היינט אוונט פאהרען נאך 200 און מיטוואך נאך 30.

זונטאג זענען אפגעפאהרען 210 פערזאן פון דעם געגענט. אין דער גרופע זענען געווען 50 פון טאראנטא.

ארבייטסלאזע גערופען אויף ארבייט, און קיין ארבייט איז נישטא

עטליכע און צוואנציג ארבייטסלאזע זענען נעכטען געקומען צום מעיאר זיך באקלאגען, אז מען האט זיי גערופען צו מעלדען זיך פאר ארבייט אויף א שטאדטישען פלאץ אויף עלערבעק עוועניו, און ווען זיי זענען געקומען אהין, האט מען זיי געזאגט, אז עס איז ניטא פאר זיי קיין ארבייט.

ארום א 40 פערזאן זענען גערופען געווארען פאר ארבייט נעכטען. ווען זיי זענען געקומען, האט מען ביי זיי צוגענומען די ארבייטס קארטען און מען האט זיי געהייסען זיך מעלדען אין שטאדטישען עמפלאימענט ביורא. פיעלע פון זיי זענען געקומען פון צווייטען עק שטאדט אויפ'ן פלאץ, וואו זיי האבען געזאלט ארבייטען, און זיך אומגעקעהרט מיט

זיי זארגען זיך שוין ניט אזוי פיעל וועגען דעם, וואס מען האט זיי אפגענארט, ווי וואס זיי וועלען יעצט זיין די לעצטע אויפ'ן ליסט ביים פאנאנדערטיילען ארבייט אין דער צוקונפט.

פאר געוויסע פון זיי האט עס געזאלט זיין די ערשטע ארבייט, צו וועלכע מען האט זיי גערופען, זינט זיי האבען זיך רעגיסטרירט לעצטען אויגוסט.

רעסטאראטאר בארויבט און געשלאגען

הערי אווער, פון 504 מענינג עוו., א רעסטאראטאר, איז נעכטען פארטאג באפאלען געווארען פון 3 פערזאן, וואס האבען איהם געשלאגען און צוגענומען פון זיינע קעשענעס 35 דאלאר.

קומענדיג אהיים האט אווער טעלעפאנירט גלייך דער פאליציי. ער דערצעהלט, אז איינעם פון די אנפאלער האט ער דערקאנט. ער איז מיט א שטיקעל צייט פריהער אריין אין רעסטאראנט און איהם געבעטען אויסבייטען א ביל. ער האט איהם אפגעזאגט און יענער איז ארויסגעגאנגען. עטוואס שפעטער האט ער צוגעמאכט דעם רעסטאראן און איז אוועק אהיים.

פארבייגעהענדיג א ליין אויף מענינג עוועניו איז א מאן צו איהם צוגעגאנגען און געבעטען א שוועבעלע. ווען אווער האט אריינגעטאן די האנט אין קעשענע, האט יענער איהם דערלאנגט איבער'ן פנים, און א צווייטער מאן איז ארויסגעשפרונגען פון ליין און האט איהם אויסגעליידיגט די קעשענעס. א דריטער מאן איז געבליבען שטעהן אין ליין.

זיי זענען באלד אנטלאפען.

פאר'סמ'ט זיך נאכ'ן אוועקגעהן פון פאטער'ס הויז

מיט צוויי מאנאטען צוריק האט די צוויי־און־צוואנציג יאהריגע מערי סטאשעוו זיך צוקריגט מיט איהר פאטער און איז אוועק פון הויז.

זונטאג האט זי אין איהר וואוינונג, אין א צימער אויף 452 ערעלייד סטריט וועסט, אויסגעטרונקען א גרויסע פארציע ליי.

זי איז אפגעפיהרט געווארען אין דזשענעראל האספיטאל, וואו אלע פרווען זי צו ראטעווען האבען זיך ארויסגעוויזען נוצלאז.

אין שרעקליכע יסורים איז זי געשטארבען.

צוויי ארבייטער פארוואונדעט אין טונעל

צוויי ארבייטער האבען געקראגען איבערגעבראכענע פיס, און אנדערע פיער האבען זיך געראטעוועט אהן וואונדען, ווען א 500 פונטיג שטיק פעלז האט זיך אפגעבראכען אין טונעל לעבען טשערי סטריט.

די זעקס ארבייטער האבען געהאלטען ביי ארויסגעהן פון טונעל, ווען דער פעלז איז אויף זיי ארויפגעפאלען. די פיער, וואס זענען געבליבען אונבאשעדיגט, האבען ארויסגעשלעפט זייערע פארוואונדעטע חברים פון טונעל, און גערופען אן אמבולאנס, וואס האט זיי אפגעפיהרט אין טאראנטא וועסטערן האספיטאל.

אויטאמאביל צעקוועטשט, דרייווער אומבאשעדיגט

ר. הערסעלי'ס קאר אין וועלכער ער איז געוואהרען, איז אויף מיקאל סטריט פארקוועטשט געווארען צווישען א גרויסען בוים און א סטריט קאר. אין דעם צוזאמענשטויס איז דער אויטאמאביל אינגאנצען צובראכען געווארען. די סטריט קאר איז אויך טיילוויז באשעדיגט געווארען.

ר. הערסלי אליין איז גליקליכערווייז ארוים אומבאשעדיגט.

עס האט גענומען איבער אנדערטהאלבען שטונדען, ביז מען האט געקענט די צוויי קארס פאנאנדערנעהמען.

ניט געלונגענער רעשט־שווינדעל

פאר פרואווען צו באשווינדלען ראבערט פאלקאנער, דעם פאטער פון רעסטאראן איינגענטימער אויף 926 קאלעדזש סטריט, פון 2 דאלאר אין א דריידעל מיט רעשט ארויסגעגעבען, איז עמוס ווארד, 19 יאהר אלט, א היימלאזער, ארעסטירט געווארען.

פאלקאנער איז אריין אויף א וויילע אין זיין זוהנ'ס רעסטאראן און האט זיך געשטעלט ביי רעדזשיסטער. ווארד האט איהם געגעבען א צוויי דאלאר ביל און געבעטען רעשט. ווען פאלקאנער האט איהם שוין אויסגעצעהלט זיין רעשט, האט יענער זיך א כאפ געגעבען, אז ער האט ביי זיך א קוואדער. ווארד האט געגעבען דעם קוואדער און צוריקגענומען זיינע צוויי דאלאר מיט'ן רעשט, וואס פאלקאנער האט איהם געגעבען.

ווען ווארד איז ארוים מיט'ן געלט, האט פאלקאנער איהם נאכגעיאגט און איהם געלאזט ארעסטירען.

באנדיט מיט רעוואלווער קריגט 29 דאלאר פון דראג סטאר

דעטעקטיווס זוכען יעצט ארום א באוואפענטען רויבער, וואס האט סטראשענדיג דעם דראג סטאר אנגעשטעלטען, דזשאן וועב, פון 42 שילדס עוועניו, מיט א רעוואלווער, ארויסגענומען פון מור'ס דראג סטאר, אויף 618 יאנג סטריט, 29 דאלאר, און איז מיט דעם אנטלאפען.

וועב האט באלד גערופען פאליציי און האט זיי איבערגעגעבען א גענויע באשרייבונג פון דעם באנדיט.

מ. ווינריב ע"ה געבראכט צו אייביגען רוה

די גרויסע משפחה פון מיקאל שוהל האט נעכטען באגלייט צום אייביגען רוה איינעם פון איהרע עלטסטע מעמבערס, בר. מ. ווינריב ע"ה.

דער פארשטארבענער האט באלאנגט צו דער מיקאל שוהל פיעלע יאהרען, האט גענומען א גרויסען אנטייל און אינטערעס אין דעם לעבען פון דער שוהל, און מיט זיין אקטיווע ארבייט פיעל געהאלפען דעם ערפאלג פון דער שוהל.

אפצוגעבען איהם דעם לעצטען חוב זענען געקומען פיעלע מעמבערס פון שוהל און אויך פריינט פונ'ם פארשטארבענעם, וועלכער איז געווען גוט באוואוסט צווישען טאראנטאר אידען.

גרויסער עולם קומט צו מצבה אויפדעקונג

א גרויסער עולם פון פאמיליע, פריינט און באקאנטע פון דעם פארשטארבענעם רב אברהם ישראל אייזיקסאן ע"ה, איז געקומען אויפ'ן בית עולם פון יוניווערסיטי עוועניו שוהל, לעצטען זונטאג, ווען א מצבה אויף זיין קבר איז אויפגעדעקט געווארען.

צווישען די פארזאמעלטע זענען געווען א גרויסע צאהל פראמינענטע מענשען וועלכע האבען דעם פארשטארבענעם גוט געקענט. רעדעס זענען געהאלטען געווארען פון הרב יעקב גארדאן און ראבי סאקס.

די קינדער פון דעם פארשטארבענעם, מיט סעם אייזיקסאן אין דער שפיצע, האבען געשטעלט א זעהר שעהנע מצבה אויף דעם קבר פון זייער פארשטארבענעם פאטער.

א לאדזשער סוחר דערשיסט זיך און ווארפט זיך אין ים

פון לאדז מעלדעט מען:

מען מעלדעט וועגען א טראגעדיע פון א לאדזער סוחר, וועלכער האט זיך גענומען דאס לעבען אין צאפאט.

דער דאזיגער סוחר הייסט פישער, און ער איז געווען א גרויסער גביר. לעצטענס איז ער געווארען רואינירט. מיט'ן לעצטען ביסעל געלט וואס ער האט געהאט איז ער אוועקגעפאהרען קיין צאפאט צו שפילען אין קאזינא, מיינענדיג, אז ער וועט געווינען געלט און קאנען אפצאהלען אלע זיינע חובות. ווי דער שטיינער איז האט ער אין קאזינא קיין געלט ניט געוואונען, נאר ער האט נאך פארשפילט דאס ביסעל געלט וואס ער האט געהאט.

ער איז אוועק צום ים, זיך געדונגען א שיפעל, און אין מיטען ים האט ער צו זיך אויסגעשאסען פון א רעוואלווער אין קאפ, שטעהענדיג אויפ'ן ראד פון שיפעל. ער איז גלייך אריינגעפאלען אין ים. מען האט איהם ארויסגענומען שוין א טויטען. אין די קעשענעס ביי איהם האט מען נאך געפונען 50 זלאטים, זיינע דאקומענטען, און אויך אן איינטריט־קארטע פון דער צאפאטער קאזינא.

פאטער פארגוואלדיגט זיינע 3 טעכטער

פון ווילנע מעלדעט מען:

אהער איז געבראכט געווארען און איז איינגעזעצט געווארען אין טורמע דער אידישער פאכטער פנחס זיידניקאוו פון ארום סווענציאן, וועלכער געפינט זיך אונטער א שווערער באשולדיגונג.

זיידניקאוו איז פון יאהרען לאנג א פאכטער אין גוט פון פריץ א. זאריניקאווסקי.

מיט עטליכע טעג צוריק איז זערניקאווסקי געקומען אין פאליציי און דערקלעהרט, אז צו איהם איז געקומען דעם פאכטער'ס 16־יעהריגע טאכטער סאניע, און מיט טרעהרען אין די אויגען געבעטען איהם ער זאל ווירקען אויף איהר פאטער ער זאל איהר לאזען צורוה, און ניט צווינגען איהר צו א צוזאמענלעבען מיט איהם.

זערניקאווסקי האט איבערגעגעבען די גאנצע געשיכטע דער פאליציי, וועלכע האט פארפיהרט א שטרענגע אויספארשונג, בעת וועלכער זיידניקאוו'ס דריי טעכטער האבען דערקלעהרט, אז זייער פאטער איז באגאנגען לגבי זיי א רייהע געוואלדטאטען.

אין רעזולטאט פון דער אויספארשונג איז זיידניקאוו ארעסטירט געווארען און איז געבראכט געווארען קיין ווילנע, וואו מען האט איהם איינגעזעצט אין טורמע.

פאריזער מעיאר אין בערלין

בערלין, אקט. 19.

פראנציא לא־טור, דער לארד מעיאר פון פאריז, מיט א פארטיע פון פראנצויזישע מוניציפאלע באאמטע, זענען היינט פריה אנגעקומען קיין בערלין, און זיי האבען באקומען א וואַרימע אויפנאהמע פון היינריך סאהם, דער מעיאר פון בערלין.

גארילאס, לייבען און ווילדע מענשען שרעקען זיך מעהה ניט

אין איהר אפארטמענט אויף פינפטער עוועניו אין ניו יארק, אנגעטאן אין די צארטע, ווייכע מלבושים פון דער לעצטער מאדע, ווי זי וואלט זיך געגרייט צו געהן אין דער אפערא אדער צו א קאנצערט, וואלט מען אין איהר זיכער ניט געקענט דערקענען די באריהמטע אסא דזשאנסאן, די פרוי פון דעם באריהמטען פארשער, מארטין דזשאנסאן, וועלכע איז אימער געווען גרייט, ביי דער זייט פון איהר מאן, אויף נייע דערפאהרונגען און סכנה'דיגע פארשונגען: זי איז אפשר די איינציגע פרוי אין דער וועלט, וועלכע האט אזוי טיעף אריינגעדרונגען אין די טיעפע געדיכטע דזשאנגעלס פון דער טיעפער אפריקע, וואו איהר מאן האט גענומען "מאוויס" פון יענע שרעקליכע און בייזע חיות אין זייער נאטירליכער היים.

גארילאס, שאמפאנזעס, מאלפעס און נאך אזעלכע חיות שרעקען זי שוין מעהר ניט. זי האט זיך מיט זיי באגעגענט פנים אל פנים. האט געשאסען לייבען, געפאנגען פיעלע אנדערע חיות. אבער דער גרעסטער "טריל" וואס זי האט נאך צו האבען איז צו שיסען א טיגער.

אט וואס זי אליין דערצעהלט וועגען איהרע דערפאהרונגען.

מיין גרעסטער "טריל" אויף דער לעצטער רייזע אין אפריקע, זאגט זי, איז געווען ווען איך האב זיך באגעגענט מיט דער גארילא.

די פלוצלינגדיגע באגעגעניש האט מיך דערשטוינט, ווייל איך האב זי דערזעהען ווען זי איז שוין געווען ניט מעהר ווי צוואנציג פוס ווייט פון מיר. געווען איז זי זיבען פוס הויך, האט זיכער געוואוינען ארום פיער הונדערט פונט און וואלט לייכט געקאנט צודריקען מיין שארבען מיט איין האנט.

פלוצלינג האט די חיה ארויסגעלאזט א מורא'דיגען געשריי וואס האט פארגליווערט מיין בלוט. מיין ערשטער אימפולס איז געווען צו אנטלויפען, אבער אנשטאט דעם בין איך געבליבען ווי צוגעשמידט צום ארט. די גארילא, ווייזט אויס, האט זיך פאר מיר אויך דערשראקען און קוויטשענדיג ווי א היסטערישע פרוי איז זי אנטלאפען.

געפעהרליך? יא — האט זי זיך ווי פארטראכט, אפשר נאך אמאל איבערגעלעבט איהרע שרעקליכע דערפאהרונגען פון דער לעצטער רייזע — אבער איך טייל מיט מיין מאן זיין לעבען און איך בין נאך קיינמאל ניט געבליבען אין דער היים ווען מיין מאן האט זיך ארויסגעלאזט אויף איינער פון זיינע אויספארשונגס רייזעס.

אויף יעדען שריט און טריט איז מרס. דזשאנסאן א זעהר וויכטיגער פאקטאר אין איהר מאנ'ס עקספעדיציעס. זי טיילט מיט איהם אלע זיינע ארבייטען. ווען זיי זיינען גרייט אראפצונעהמען באוועגליכע בילדער פון חיות, געהט זי אימער פאראויס פון דער קאמערא. לויט דער רעאקציע פון די חיות צו דעם, קאן זי באשטימען צו די חיות, וועמען זיי גרייטען זיך צו פאטאגראפירען זיינען ווילדע אדער ניט קיין ווילדע.

ווען איהר מאן פאנגט אן צו דרעהען דאס הענטעל פון דער קאמערא, שטעהט זי ביי זיין זייט מיט א געלאדענעם ביקס גרייט צו באשיצען איהם, אויב א ווילדער חיה פארווילט זיך צוקומען צו נאהענט צו איהם.

אויף אזא אופן האט זי איהם שוין ניט איין מאל געראטעוועט פון דעם טויט. מארטין דזשאנסאן, איהר מאן האט שוין ניט איין מאל צוגעגעבען אז ער פיהלט זיך פיעל זיכערער מיט איהר ביי זיין זייט ווי מיט דעם בעסטען שיסער אין דער וועלט.

ווען מען האט אט די בראווע פרוי געפרעגט וואס נאך פאר דערפאהרונגען אין לעבען זי נארט? האט זי זיך פארטראכט. זי וואס האט שוין פאקטיש געשפאנט אין די ווילדסטע און געפעהרליכסטע דזשאנגעלס. האט זיך שוין באגעגענט מיט די ווילדסטע חיות, האט געלעבט צווישען די ווילדסטע מענשען פון בארניא, האט באזוכט די קארליקעס, האט געקלעטערט אויף צעהן טויזענט פוסיגע בערג, האט זיך געראנגעלט מיט לייבען, איז עדשוואומען דורך קראקאדילען אנגעפילטע וואסערען און האט זיך געטראפען פנים אל פנים מיט געפעהרליכע גארילאס — וואס נאך פאר דערפאהרונגען קאן זי פון לעבען דערווארטען?

פלוצלינג האבען איהרע אויגען אויפגעבליצט, א פייערל האט אין זיי אויפגעגלאנצט.

א יאגד אויף א טיגער, רייטענדיג אויף עלעפאנטען — האט זי פלוצלינג ארויסגערופען א באגייסטערטע. דאס האב איך נאך ניט איבערגעלעבט, פשוט דערפאר וואס מיר האבען נאך ניט באזוכט אינדיע. אמת, עס איז ניט אזוי דער "טריל" פון שיסען א טיגער, ווי צו רייטען אויף אן עלעפאנט — האט זי צוגעגעבען.

אבער אין אינדיע וואלט איך קיינמאל ניט געשאסען קיין טיגער פון הינטער א בלינדער וואנט. ווי פיעלע יעגער טוען — האט זי צוגעגעבען. ארייננארען א טיגער אויף אזא אופן איז דער ארימסטער ספארט. איך וויל זיך באגעגענען מיט דעם טיגער אויף דעם פרייען און אפענעם פעלד. כאטש דעם אמת געזאגט בין איך ניט קיין פארברענטע יעגערקע און מיך ערגערט אימער זייער שטארק ווען מיר קומט אויס צו הרג'ענען א חיה.

אט אזוי האט געענדערט דאס כוואטקע ווייבעל פון דעם באריהמטען פארשער דזשאהנסאן, וועלכע האט צוזאמען מיט איהר מאן, שוין דורכגעמאכט אזוי פיעל האר שטעכענדע און בלוט פארגליווערטע דערפאהרונגען צווישען ווילדע חיות און מענשען פארשער און דאך איז זי ניט צופרידען און וועט, לויט איהר איינענער דערקלעהרונג, ניט זיין צופרידען ביז איהר וועט ניט געלינגען אנטייל צו נעהמען אין א יאגד אויף א טיגער רייטענדיג אויף אן עלעפאנט.

ער דארף די
עקסטרא נארונג וואס
פריי'ס קאקא
גיט

עקסטרא נאהרונג מיינט עקסטרא ענערגיע, עקסטרא ווארעמקייט, זיכערקייט אין די קאלטע, געפעהרליכע טעג, וואס קומען. איהר ווייסט, ווי נארהאפטיג מילך איז ווען איהר מאכט פון דעם פריי'ס קאקא, איז עס כמעט נאך א מאל אזוי פיעל נארהאפט. זעהט, אז די קינדער זאלען קריגען זייער פריי'ס — די קאקא מיט'ן שאקאלאד טעם — און דעם עקאנאמישסטען טרונק, וואס איהר קענט קויפען.

FRY'S PURE BREAKFAST COCOA

שרייבט פאר פרייעם רעסעפי ביכעלע.

J. S. Fry & Sons (Canada) Limited, Montreal, Que.

געמאכט פון דער עלטסטער קאקא און שאקאלאד הויז אין דער וועלט.

איר פעטסקייט האט נעמוזט פארשווינדען

אקטיוויטעט האט עס צושמאלצען

עקסערסייז איז דער שונא פון פעטקייט, אויב איהר זענט איבערגעלאדען מיט צופיעל פלייש, רופט ארוים די רעזערוון פון ענערגיע עס צו באקעמפען. טוט ווי די ליידי האט געטאן: —

„אין די פארגאנגענע זעקס מאנאטען האב איך זיך כסדר פארבעסערט נעמענדיג קרושען זאלץ. איך האב פארלארען 25 פונט אין וואג פאר דער צייט, און האב פיעל געוואונען דורך גרעסערער לעבעדיגקייט און באוועגליכקייט — אלץ א דאנק דעם בארימטען מיטעל." —

מרס. וו. פ.

איהר קענט אויך זיך באפרייען פון פעטקייט מיט קרושען זאלץ אויב איהר וועט נעהמען א האלבע טיי־לעפעלע אין הייסע וואסער יעדען פריהמארגען פאר פרישטיק, באשרענקען אייער דיעטע און עקסערסייזען רעגעלמעסיג.

פארלירענדיג פעטס וועט איהר אין דער זעלבער צייט געווינען ענערגיע — אויסדויער — אמביציע. אייער הויט וועט ווערען קלארער, אייערע אויגען וועלען גלאנצען מיט דעם גוטען געזונט. וואס קרושען ברענגט. איהר וועט מעהר נישט פארברענגען אין אלטען פאטער שטול — איהר וועט וועלען זיין אויף די פיס און טאן — איהר וועט הנאה האבען פון אייער ארבייט אין אקטיווען פארברענגען און איהר וועט שלאפען ווי א בער. איהר וועט פארלירען פעטס און מעגליך לעבען לענגער.

פעדערייזשאן אפיעל!
אקטאבער 26 ביז אקטאבער 30

די אידישע צדקה פעדעראציע פארלאנגט
$175,000 אנצופירען איהר גרויסע ארבייט
צווישען אונזערע נויטליידענדע ברידער.

קאפלער'ס ביישטייערונג איז: —

5% פון זיין גאנצער איינקאמע
פון אקט. 18 ביז נאוו. 18

העלפט אונז העלפען דער פעדערייזשאן!

KOFFLER'S DRUG STORE
380 קאלעדזש סטריט, קארנער בארדען
טעלעפאן קינגסדייל 2־6101

אראנדזש קראש גיט אייך פעפ און פארטרייבט מידקייט, ווייל עס אנטהאלט מינעראלען, וויטאמינס, און ענערגיע שאפענדע מאטעריאלען, און ווייל עס איז שטארק אלקאליין דערווייטערט עס אלערליי עסידס פון קערפער.

Orange-CRUSH
פרעגט פאר'ן נייעם
אראנדזש קראש
פאדערט עכטען אראנדזש קראש און זאגט אפ סאבסטיטוטס.

פארזיסט זויערע מאגען אויף דעם אנגענעמען אופן

ווען מענשען פילען נישט גוט צוויי שעה נאכ'ן עסען — ליידען פון הארץ ברענעניש, גאז, אומפארדייאונג — ניין מאל פון צעהן איז עס צוליעב צופיעל עסיד אין מאגען.

די בעסטע וועג — די שנעלסטע וועג צו פארריכטען עס איז מיט אלקאלי, און פיליפס מילק אף מאגנעזיא איז אן אלקאלי אין דער אונשעדליכסטער, געשמאקסטער און אנגענעמסטער פארם. עס איז די פארם, וואס דאקטוירים הייסען נעהמען: וואס האספיטעלער באנוצען: וואס מיליאנען האבען זיך אנגעוואוינט פארלאזען אויף דעם אין איבער 50 יאהר פון אלץ וואקסענדען געברויך.

א לעפעל פיליפס מילק אף מאגנעזיא אין א גלאז וואסער נייטראליזירט פיעל מאל אזוי פיעל אין איבעריגען עסיד. און טוט עס שנעל. אין פינף מינוט פארשווינדען די סמנים פון צופיעל עסיד. ווער עס ווייס דעם פאלקאמען מיטעל באנוצט קיינמאל נישט קיין גראבע מיטלען.

זייט זיכער צו נעהמען די עכטע פיליפס מילק אף מאגנעזיא. א ווייניגער פערפעקטער מיטעל וועט אפשר ניט העלפען פונקט אזוי גוט. אלע דראג סטארס האבען די היבשע 50 סענט באטעלס. פיליפס דירעקשאנס פאר זייער פיעלע נוצען קומט שטענדיג אין פעקעדזשעס. געמאכט אין קאנאדע.)

העטס

יעדע ווייכע העט געקלינט און נעבלאקט צו אייער צופרידענהייט
איין טאג סערוויס

19 ס.

צו דעמאנסטרירען די מעלות פון אונזער ניי אינסטאלירטען העט קלינינג דעפארטמענט אין אונזער נייעם $100,000 דריי קלינינג פלאנט, גיבען מיר דעם איבערראשענדען ספעשעל. פאר א באגרעניצטער צייט בלויז וועלען מיר קלינען און בלאקען אייער העט פאר דעם נידעריגסטען פרייז, אויב מיר באקומען עס מיט א רעגולערען קלינינג ארדער.

יעדע העט איז באזונדער געקלינט — אלע פלעקען, שמוץ און סטריט מיקראבען דערוויטערט — און געבראכט אין פריהערדיגען שייפ.

עווער־רעדי'ס איין דאלאר קוואליטי קלינינג סערוויס ווערט שוין באנוצט פון טויזענטער מענער און פרויען אין טאראנטא. שיקט אונז א טריייעל ארדער. פארגלייכט מיט וועלכען סערוויס, וואס איהר האט ווען גענוצט.

העטס ריליינד, נייע לעדער שווייס באנדען, נייע ריבאנס, און באנדינגס פאר א קליינעם עקסטרא קאסט.

פרייע אפנעמען און דעליווערען
א טעלעפאן קאל היינט וועט אייך ברענגען ריינע קליידער מארגען.

הילקרעסט 4100
EVER-READY
קלינערס, דייערס, פאריערס.
נאכט ארדער דעפארטמענט
מידוויי 1050

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL
Published by
JOURNAL PUBLICATIONS OF TORONTO, LIMITED
542 DUNDAS ST. WEST - Telephones: TRINITY 6830-6831
NATHAN FRIEDLAND, President.
Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario.
Subscription Rates: $6 PER YEAR $3.50 SIX MONTHS
Single Copy—3 cents.
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O., Toronto,
January 22nd, 1913.

טהאמאס א. עדיסאן

טהאמאס אלווא עדיסאן איז טויט.

דער טויט פון טהאמאס עדיסאן. דער ליכט באשאפער איז ניט געקומען פלוצלונג. עדיסאן איז געשטארבען זאט אין יארען, רייך מאטעריעל און גייסטיג, רייך אין כבוד און פארעהרונג. און דאך וועלכער גרויסער פארלוסט פאר דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט.

טהאמאס עדיסאן איז געווען איינער פון יענע גליקליכע דערפינדער, וועלכע האבען געצויגען די פולע פרוכטען פון זייערע פארדינסטען ביים לעבען, און אזעלכע זענען דאך אזוי ווייניג געווען אויף אונזער וועלט. אויף די מערסטע גאונים האט זיך דאך ערשט די וועלט ארומגעקוקט, און זיי אנערקענט ווען זיי זענען שוין אויפ'ן עולם האמת געווען, און דאס איז געווען אויף אלע געביטען.

טהאמאס עדיסאן האט דערלעבט צו זעהן אלע זיינע דערפינדונגען אין פולער אפעראציע און די גרויסע נוצען, וועלכע די גאנצע וועלט האט [illegible] פון זיי.

ביז כמעט די לעצטע טעג פון זיין לעבען איז עדיסאן פון זיין לאבאראטאריע ניט ארויס. ניט אכטענדיג, וואס ער האט געקענט לעבען אין גרעסטען לוקסוס, זייענדיג צוריקגעצויגען פון אקטיווער ארבייט, האט ער עס אבער ניט געטאן. פארקערט, ער האט נאך פיעל שווערער געארבייט, ווייל צוליעב זיין עלטער איז אויף אים די ארבייט שווערער געפאלען. בלויז דער טויט האט די האנט פון דעם עלעקטרישען מכשף אפגעשטעלט.

טהאמאס א. עדיסאן האט רעוואלוציאניזירט די וועלט. טויזענטער באזונדערע דערפינדונגען האט ער געמאכט, וועלכע זענען אין קאלטע דאלארען בלויז אין די פאראייניגטע שטאטען ווערט 15,599 מיליאן דאלאר, אויסער די טויזענטער מיליאנען ווערט אין די איבעריגע טיילען פון דער וועלט, וואוהין עדיסאן האט ליכט אריינגעבראכט.

שווער איז פאר דעם וואקסענדען יונגען דור גענוי צו באגרייפען דעם פארשטארבענעמ'ס פארדינסטען. עס איז שווער, ווייל דער יונגער דור איז געבוירען געווארען אין דער צייט פון ראדיא, עלעקטרישע ליכט, עלעקטרישע אייזענבאנען און עלעקטרישע וואונדער. גענוי אפשאצען דעם מכשף פון ליכט, זיינע פארדינסטען פאר דער וועלט, און זיין בייטראג צו ציוויליזאציע קען בלויז דער עלטערער דור, וועלכער האט די וועלט דערזעהן אין דער ליכט פון דער חלב'נער, אדער סטערנאווער ליכט. דער דור האט די גרויסע איבערקערעניש אין ליכט געזעהן. דער דור האט דעם וואונדער פון פאנאגראף, טעלעגראף, טעלעפאן און ראדיא געזעהן. דער דור האט זיך געוואונדערט ביי עלעקטרישער הייץ, און עלעקטרישע טרייב־קראפט אין פאבריק.

דער דור פון מיט פופציג יאר צוריק, און אפילו מיט פינף און צוואנציג יאר צוריק האט געקענט און שאצט אפ וואס עדיסאן האט געטאן. פאר דעם יונגען דור קלינגט עס, און וועט קלינגען עדיסאנ'ס דערפינדונגען ווי א שעהנע לעגענדע.

דער ליכטיגער עדיסאן שטערן, וועלכער האט אזוי העל אויפגעלייכט און באלייכט די גאנצע וועלט, איז אויפגעגאנגען אין א קליין שטעדטעל, אין מילאן, אהייא, אין 1847. אין אקטאבער, 1931, אין א קליין שטעדטעל, וועסט ארענדזש, ניו דזשוירזי, איז דער שטערן אונטערגעגאנגען. זיין ליכט, וועלכע ער האט פארשפרייט, איז אבער געבליבען און וועט אייביג בלייבען.

דער קערפער עדיסאן, דאס ערדיגע איז געשטארבען. דער גרויסער עדיסאן מארך, דער גאונ'ישער עדיסאן גייסט לעבט, און וועט לעבען אזוי לאנג ווי ציוויליזאציע וועט לעבען. דאס איז אפשר די איינציגע טרייסט, די איינציגע פארגיטיגונג פאר דעם גרויסען פארלוסט וועלכען די וועלט האט דערליטען מיט דעם טויט פון טהאמאס עדיסאן.

דער טהאמאס עדיסאן שטערן איז פארגאנגען. ער האט אבער איבערגעלאזען די שטראלען פון שקיעה פאר דער גאנצער וועלט.

עהרע זיין אנדענקען!

פרעמיער'ס אקציע וועט זיכער העלפען דעם קאנאדער דאלאר

ניט אכטענדיג אויף אלע באמיהונגען פון דער קאנאדער רעגירונג, איז נאך דער קאנאדער דאלאר ניט אויסגעגליכט געווארען מיט'ן אמעריקאנער. און קאנאדער געשעפטסלייט, פונקט ווי טוריסטען צאלען נאך גרויסע פראצענטען ווען זיי דארפען אויסבייטען זייער'ע קאנאדער דאלארען אויף אמעריקאנער.

די אורזאכע פאר דעם, וואס דער קאנאדער דאלאר איז אזוי שטארק געפאלען לגבי דעם אמעריקאנער איז גוט באקאנט. דאס איז דערפאר, וואס דער קאנאדער באלאנס אין די שטאטען איז א צו־גרויסער און צופיעל קאנאדער ווערט־פאפירען זענען אויפ'ן מארק געווארפען געווארען, ניט אזוי צוליעב קאנאדע, ווי צו דעקען דאס פאלען פון ענגלישען פונט.

די קאנאדער רעגירונג האט פרובירט צוריקהאלטען דאס פאלען פון קאנאדער דאלאר אויף פארשיידענע אופנים. דער ווירקזאמסטער אופן, פארשטעהט זיך, איז אריינשיקען גאלד אין די שטאטען. א גוטער און ווירקזאמער מיטעל איז אויך אריינשיקען סחורה, אבער דאס לעצטע האט אמעריקע איבער גענוג אליין און נויטיגט זיך ניט אין קיין קאנאדער. דאס הייסט, מער איידער עס ווערט אימפארטירט פון קאנאדע. איז דעריבער געבליבען דער איינציגער מיטעל. שיקען וואס מער גאלד און אויסגלייכען, אדער פארזיכערען שטארקער די קאנאדער ווערט־פאפירען.

אין קאנאדע איז ביז יעצט ניט געווען קיין גאלד־פארבאט. זייט נאך דער וועלט־מלחמה, ווען דער פארבאט אויף ארויסשיקען גאלד פון לאנד איז ארונטערגענומען געווארען, האט יעדער איינער געקענט ארויסשיקען גאלד פון לאנד. דאס האט געבראכט דערצו, וואס די באנק־הייזער האבען ניט געהאט קיין צופיעל גאלד אין יעצט, ווען די רעגירונג אליין האט אנגעהויבען שיקען גאלד נאך די שטאטען, האט זיך באמת דערפילט א מאנגעל אין דעם געל־שיינענדען מעטאל.

פרעמיער בענעט האט דורך אן ארדער אין קאנסיל פארבאטען דעם גאלד עקספארט פון לאנד. קיינער, הייסט עס, וועט לויט'ן אנגענומענעם געזעץ, ניט טארען ארויסשיקען קיין גאלד פון לאנד, סיידען ער וועט האבען א ספעציעלע דערלויבניש פאר דעם פון דער רעגירונג, און די רעגירונג וועט ניט געבען קיין דערלויבעניש אויסער צו באנק־הייזער.

די שטראף פאר ארויסשיקען גאלד פון קאנאדע אהן א דערלויבעניש איז א שווערע. דריי יאר געפענגעניש אדער 1000 דאלאר שטראף, אדער ביידע צוזאמען.

דאס געזעץ וועט אפשטעלען דעם פריוואטען גאלד־ארויספיר און וועט געבען א געלעגענהייט די באנק־הייזער צו שיקען מער גאלד נאך די שטאטען צו דעקען די ווערט־פאפירען.

אזא אקציע וועט העלפען צו פארשטארקערען דעם קאנאדער דאלאר אין די שטאטען, און וועט במילא פיעל העלפען א גרויסען טייל פון דער קאנאדער באפעלקערונג, וועלכע קומט דירעקט אדער אונדירעקט אין געשעפטליכען קאנטאקט מיט די פאראייניגטע שטאטען.

דאס ליכטעלע

פון יצחקי

צאנקט דאס ליכטעלע אזוי לאנג ביז עס הויכט אויס איהר לעצטען אטעם און לאזט איבער נאך זיך א שטיקענדען רויך פון דעם אויסגעלאשענעם קנויט.

ניט אומזיסט האט מען דאס מענשליכע לעבען פארגליכען צו א ליכט. דאס אויסהויכען פון דעם לעצטען אטעם איז דאך אזוי עהנליך אין ביידע פאלען. אז אפט פארכאפט ממש דער אטעם ווען מען זעהט־צו ווי אזוי א ליכט לעשט זיך, ווי אזוי דאס פלעמעל טאנצט, קעמפט מיט'ן מלאך המות, שפרינגט אויף און ווערט ווידער איינגעגראבען אין איהר אייגענעם גסיסה־שיין.

און דאן קומט דער אומברחמנות־ריגער טויט. די אומזעהבארע קראפט, וועלכע קאנטראלירט לעבען און טויט, איז גובר איבער אלע מענשליכע חכמות.

טויט איז דאך אונפארמיידליך . . .

* * *

דארט ערגעץ אין דעם קליינעם שטעדטעלע "וועסט ארענדזש", פונ'ם ניו דזשוירזי סטייט, האט זונטאג פריה זיך אויסגעלאשען א ליכט. א ליכט וועלכעס האט באלויכטען, ניט נאר א קליין צימערל, נאר וועלכעס האט ליכטיג געמאכט א גאנצע וועלט מיט איהר וואונדערבארען העל־קינסטליכען שיין. א ליכט וועלכעס איז געקומען צו אונז פון א געניאלען מענשליכען מארך, פון א זויבערער ריינער, מענשליכער נשמה און פון א הייליגען דורשט צו געבען דער וועלט א מתנה וועלכע זאל אייביג, אייביג בלייבען נוצליך.

טאמאס א. עדיסאן !

וואס פאר א צויבער עס ליגט אויסגעגאסען אין דעם דאזיגען נאמען. אין דער צייט ווען זיין געניאלע דערפינדונג — עלעקטריק — האט געבראכט ליכט און פרייד פאר דער וועלט, און שווערע מיליאנען דאלארען פאר די וועלכע האבען געוואוסט ווי אזוי צו עקספלואטירען זיין גרויסע דערפינדונג, האט ער זיך געלעבט זיין באשיידענעם, איינגעצויגען לעבען, ערגעץ אינ'ם ניו דזשוירזיר שטעדטעלע און האט זיך געטריקענט דעם מארך ווי אזוי צו פארבעסערען, און ווי אזוי צו פארפאלקאמענען זיין וואונדערבארע דערפינדונג

* * *

און וואס קאן דען זיין נאך וואונדערבארער, ווי צו איינשפאנען די רויע, ווילדע נאטור־קרעפטען צום דיענסט פון א וועלט וועלכע איז געווען באלויכטען פון א חלב'נעם ליכטעלע ?

מיר דוכט זיך אז קיין שום דערפינדונג פון די לעצטע יאהרען, האט ניט געבראכט דער וועלט אזוי פיעל פראקטישען נוצען, ווי טאמאס עדיסאנ'ס עלעקטרישער לעמפעלע.

וואו, אין וועלכען אפגעשטאנענעם טען וועלט־טייל, געניסט היינט ניט דער מענש פון דעם דאזיגען כשוף־לעמפעלע, וועלכער ברענט און ברענט צעהנדליגער יאהרען, און לעשט זיך גאר קיינמאל ניט אויס ? און דער דאזיגער לעמפעלע איז אפשר דאס איינציגע אויפ'ן געביט פון מאדערנע דערפינדונגען וועלכעס האט געבראכט גלייכען נוצען פאר דעם ארימען פונקט ווי פאר דעם מיליאנער, בעת דער אויטאמאביל, עראפלאן, ראדיא און דאס גלייכען האט געבראכט נוצען פאר דעם רייכען, פריוויליגירטען קלאס בלויז.

אט אין דעם באשטעהט די גרעסטע מעלה פון עדיסאנס עלעקטרישען לעמפעלע. עס איז א לעמפעלע וועלכעס איז ניט דיסקרימינירענד און איז אומפארטייאיש. עס וואַרעמט יעדע לעבעדיגע באשעפעניש צוגלייך און עס ברענגט ליכט פאר דעם "טרעמפ" אויף דער גאס פונקט ווי פאר דעם מיליאנער אין זיין לוקסוסרייכען באקוועמען פאלאץ.

* * *

און יענער געניאלער, מענשליכער מארך וועלכער האט פאר דער וועלט אויסגעשפרייט מיט אזא ברייטער האנט, ליכט, ווארימקייט, און טויזענטער אנדערע באקוועמליכקייט, איז זונטאג פלוצלינג אפגעטויט געווארען. דער מארך וועמענס עלעקטרישער לעמפעלע ברענט שוין צעהנדליגער יאהרען און וועט אפשר אויף אייביגע אייביגקייטען פארבלייבען דער גרעסטער מאנומענט פאר איהר גרויסען דערפינדער — אט דער דאזיגער מארך רוהט איצט דאס אייביגע רוה.

אבער טאמאס עדיסאן איז דאך ניט געשטארבען. בלויז זיין קערפער איז איצט פארגליווערט, אבער זיין גרויסער מאנומענט — דאס עלעקטרישע לעמפעלע — לעבט און וועט לעבען, כל־זמן עס וועט זיין מענשליך לעבען אויף דער וועלט.

חבל על דאבדין ולא משתכחין...

איינציגוויז, איינציגוויז, געהען זיי אוועק פון אונז, די גרויסע זשעניען און לאזען איבער א פוסטע ליידיגקייט אויף זייער פלאץ. זעהר ווייניג פארמאגט היינט די וועלט אזעלכע געניאלע מוחות. און דעריבער איז דער פארלוסט אזוי גרויס און דעריבער האט די גאנצע וועלט אלע אורזאכען צו טרויערען אזוי אויף דעם דאזיגען פארלוסט.

מאנאטען לאנג האט דאס ליכטעלע טאמאס עדיסאן — געצאנקט. עס האט געצאנקט אזוי לאנג ביז עס האט אויסגעהויכט דעם לעצטען אטעם.

און די וועלט האט א ציטער געטאן. ווייל א גרויסע ליכט — א מעכטיגע, ריזיגע זון — איז פון אונז פארלאשען געווארען.

עהרע זיין אנדענק !

וואס פעלט דעם וויענער אידענטום ?

פון מ. א. טענענבלאט

א געוואלדיגער אידישער קבוץ אין איין שטאדט, כמעט א פערטעל מיליאן אידען אויפ'ן וויכטיגסטען געאגראפישען שניט־פונקט פון איירופא, א פארטרעפליכע מישונג צווישען מזרח און מערב, צפון און דרום מיט א שטארקען בלוט־צוזאץ פון שפאניאלישע אידען און מיט אידישע סטודענטישע קאלאניעס פון די וויטעסטע וועלט־טיילען. דוכט זיך א וואונדערבארער סינטעטישער נאציאנאל־אידישער מאטעריאל פאר אידישער אקטיוויטעט אויף א ברייטען און געשלאסענעם פראנט. א גוטער און שטארקער יסוד פאר אידישער פאליטיק, פאר נאציאנאלער און סאציאלער ארבייט. ניט קיין גהעטא־אידען, ניט קיין איבריג גרויסער פראצענט פון לופט־פרנסות. נאר אדרבא פארטיילט אויף די וויכטיגסטע פראדוקטיווע און האנדעלס ווירטשאפטליכע צווייגען פון לאנד. דערביי פרייע, עמאנציפירטע אידען מיט א געוואלדיגען פראצענט דיפלאמירטע און אלגעמיינע אינטעליגענץ וואס שפילען א פיהרענדע ראָליע אין גאנצען גייסטיגען לעבען פון לאנד.

דערצו נאך שטארקע אידיש־נאציאנאלע טראדיציעס פון אלטען עסטרייך אפילו אויפ'ן אלגעמיינעם פאליטיש־פארלאמענטארישען געביט. אויף מעכטיג נאכווירקענדע זכרונות פון טעאדאר הערצעל'ס הערויאישער ציוניסטישער תקופה מיט גרויסע מאסען ציוניסטישע יוגענט אויך אין איצטיגען שווערען קריזים אין ציוניזם. אויסערליך אויך א שפיגעל־בילד פון אלע מינים אידישע פארטייען און גרופירונגען ווי אין דעם קרעפטיג פונקציאנירענדיגען אידישען פאלקס לעלעבען פון מזרח־איירופא. מיט אן עודף פון ארדנונגס־ליעבע און פארשטענדעניש פאר ארגאניזאציע און דיסציפלין אלס גליקליכע מתנה פון מערב־איירופא. אויך די אידישע ארטאדאקסיע נאך מיט אידישער פרישקייט און מיט א שטארקען פאלקס נאהענטען דופק, אומפארגלייכבאר אידישער ווי די פארשטיינערטע אידישע ארטאדאקסיע אין דייטשלאנד, אפילו די אזוי־גערופענע אידישע אסימילאציע, אזוי ווייט זי איז ארגאניזירט אין דער "אוניאן פון עסטרייכישע אידען", האט נאך שטארקע אידישע אקטיוויטעט אין זיך און פילע עלעמענטען פון פאזיטיווען אידישקייט. פאראן וויכטיגע אידישע ארבייטס־געביטען, וואו מען קען זי פארטרעפליך פארווענדען אויך אין כלל־ישראל־פאליטיק.

דוכט זיך א געוואלדיגער אידישער קבוץ מיט אלע פרעדיספאזיציעס דערצו, פארצושטעלען אין עסטרייך גופא און פאר א היבשען טייל פון דער אידישער וועלט א מעכטיגען פאלקס־כח צו באררייכערען די גייסטיגע און מאראלישע אוצרות פון אידישען פאלק. און דאך איז דער דאזיגער רייכער נאציאנאלער רעזערוואר א פאסיווע פאסט אין אידישען פאלקס־חשבון. צוריסען און צוברעכעלט אויף פילע קליינע גרופקעלאך אהן אן איינהיטליכען פערספעקטיוו און אהן א בשותפות'דיגען פאסיקעל, וואס זאל פארבינדען און פאראייניגען אלעמען צו אן אלגעמיינעם ציעל און צו א בשותפות'דיגער שטרעבונג פאר כלל ישראל. די פיעלע פארשידענע פארטייען און גרופקעלאך פיהרען צווישען זיך און געגען זיך א פיעל שארפערען קאמף ווי אלע צוזאמען אנטקעגען בשותפות'דיגען אנטיסעמיטישען שונא. מען רייסט זיך ארום טאג און נאכט איבער טפל'דיגע פראגען און מען פארלירט פון די אויגען דעם עיקר : צו באשיצען דעם גייסטיגען און עקאנאמישען באזיס פון דעם גרויסען אידישען קבוץ, וועלכער פארקלענערט זיך פון יאהר צו יאהר דורך רעליגיעזען און נאציאנאלען אפפאל און וואס ווערט אויך סאציאל און עקאנאמיש כסדר שוואכער און שלאפער.

די חשבונות פון אונזערע סטאטיסטיקער, אז אין יאהר 1960 אדער 1970 וועט ניט זיין מעהר קיין שריד ופליט פון וויענער אידענטום, זענען ניט קיין לווינישע הלצה. אויב דער היינט נאך גרויסער אידישער קבוץ וועט אויך ווייטער צוקוקען פאסיוו צו זיין פיזישען און נאציאנאלען אפשטארבונגס־פראצעס, דאן זענען אט די סטאטיסטישע חשבונות נאך אלץ צו אפטימיסטיש. ביי דער איצטיגער לאגע פון שמד און קאנפעסיאנסלאזיגקייט פון איין זייט און פון געוואלדיגען מינימום בנוגע חתונות און געבורטען פון דער אנדער זייט — דערצו אלס הוספה די שרעקליכע כוואליע פון זעלבסטמארדען דורך דעם אלגעמיינעם עקאנאמישען חורבן — וועט דאס וויענער אידענטום פארשווינדען לגמרי פיעל פריהער. מען דארף דערביי געדענקען, אז קיין אידישע צו־וואנדערונג פון מזרח־איירופא קומט שוין לאנג ניט פאר און אז, אדרבא, דורך דעם געפערליכען עקאנאמישען קריזים אנטלויפט אין דער ווייטער וועלט אריין ווער עס קען נאר און ווען עס זאל אפען זיין ערגעץ וואו א לאנד פאר אידישער איינוואנדערונג, וואלט א גאר גרויסער טייל פון וויענ'ס אידישער באפעלקערונג אנטלאפען אהין אין מאסען.

ווי אין פילע אנדערע אידישע קבצים פעהלען אין דעם וויענער אידענטום פיהרענדע פערזענליכקייטען פון כלל־ישראל־מאסשטאב. ניטא קיין גרויסע אידישע מענער מיט שטארקער אויטאריטעט און מיט א ברייטען אידישען געפיהל פאר'ן גאנצען כלל. דער ציוניזם איז צוריק מיט יאהרען געווען א גרויסע האפנונג אויך פון דעם געזיכטס־פונקט. ער האט אויך געהאט אביעקטיווע און סובּיעקטיווע מעגליכקייטען איבערצונעהמען די פיהרונג פון פאלק. דורך דער שווערער אינווייניגסטער צוריסענקייט אין ציוניזם דורך די לעצטע עטליכע יאהר איז ניטא מעהר קיין ציוניסטישער פיהרער מיט אלגעמיינער אויטאריטעט אויך אין וויען. נאך דר. חיות'ס טויט שטעהט וויען אויך אהן א גייסטיגען מנהיג.

("איטא".)

ליטווישע און לעטישע פאלקס לידער

פון מ. לאצקי־בערטאלדי *)
"דיינעס" איבערגעזעצט פון אריגינאל
אין אידיש פון א. קאצענעלענבויגען.

מען קאן באמת מאכען שהחיינו און זאגען : שלח לחמך על פני המים כי ברוב המים תמצאנו : — ווארף דיין ברויט אויפ'ן וואסער, ווארום מיט דער צייט וועסטו איהם צוריק געפינען. אין משך פון צעהנדליגער יאהרען האבען אידישע קבוצים פון דער אלטיטשקער אייראפע געשיקט עמיגראנטען אויף יענער זייט ים, קיין צפון אמעריקע, און איצטער דינען זיי אונז אפט ניט נאר מיט דאלארען, וואס זיי אדרעסירען אין דער אלטער היים צו קרובים און דורך פארשיידענע הילפס־ארגאניזאציעס : אויך גייסטיגע שפייז, גרוסען פון קולטורעלע אויפטוען קומען אפט אן אין איירופא פון אונזערע ברידער מעבר לים און עס איז אונזער חוב איטליכעס מאל, ווען אזוינס פארלויפט זיך אפצודאנקען פאר די שעהנע מתנות פון אונזערע אמעריקאנישע קולטור טוער.

יונג זיינען די לעטישע און ליטווישע מלוכות, אבער אלט זייערע קולטורען, און אט האבען אונזערע אמעריקאנער ברידער אויפגעטאן א גרויסע זאך : זיי האבען ארויסגעגעבען אין אידיש די עלטסטע ליטעראטור־דאקומענטען, די פאלקס־לידער (דיינעס) פון די דאזיגע ביידע שכנות־דיגע און ברידערליכע פעלקער און האבען זיי צוטריטלאך געמאכט פאר'ן אידישען לייענער, פארן אידישען שרייבער און געלערנטען, פאר דער אידישער לערן יוגענט.

ארויסגעגעבען מהודרדיג, רהבות'דיג, אויפ'ן אמעריקאנישען אופן, ניט געקארגט קיין שעהנע פאפיר מיט גרויסע ליכטיגע אותיות געדרוקט, אין א שעהנעם בונד איינגעפאסט און ניט קוקענדיג אויף דער גרעב — דער בוך פארמאגט 428 זייטען — איז ער פונדעסטוועגען גרינג אין וואג און מאכט אן אויסנעהמענדיג עסטעטיטען איינדרוק — דער אמת'ער לבוש פאר א שעהנעם קולטור ווערק.

היינט דער תוך : אן אמת'ע פעריל אין דער אידישער ליטעראטור, בפועל ממש איבערגעגאסען דעם אוצר פון דער לעטישער און ליטווישער פאלקס פאעזיע אין א אידישער כלי, און ווי גרויס איז דער אוצר ! די בעסטע ליעדער אויסגעקליבען פון די פארשיידענסטע מינים : אלטערטימליכע געצענדינערישע — מיטאלאגישע, ליעדער פון ליבע און משפחה, פון מלחמה און פון קנעכטשאפט, געזאנגען פון דער נאטור פון בהמות, חיות און געוויקסען, פון ארבייט און פון טענץ — א רייכע נשמה פון די עלטסטע צייטען אנטפלעקט זיך דא פאר אונז אין אזא תמימותדיגער פארמע, אז מען איז קאפאבעל צו פארגעסען אין אלע פארפיהרענישען פון דער ציוויליזאציע און זיך אפטובלען אין דעם ריינעם קוואל פון פאלקס־שאפען. פנים אל פנים דערזעהן מיר דא צום ערשטען מאל אין זייער היסטארישער גאנצקייט די לעטישע און ליטווישע פעלקער אהן שום מחיצה, אהן שום אינטעליגענטישער פארטייטשונג, דאקומענטען וואס דאס פאלק אליין האט זיי אויף זיין היסטארישען לעבענס — און־לייידענס־וועג באשאפען.

און די אידישע פארמע ! ווי אפגעהיט, ווי נאטירליך, אז איהר פיהלט כמעט ניט די איבערזעצונג און איהר גוסטורט די ליעדער ווי א נאכשאפונג, דער דיכטער־מחבר אוריה קאצענעלענבויגען האט געפונען די פאסיגע אידישע און אידישליכע ווערטער און דעם געהעריגען ריטם. און איך בין זיכער אז קאצענעלענבאגענס בוך פון די דיינעס וועט אריינגעהן אין אונזער ליטעראטור פונקט אזוי ווי די שעקספיר־איבערזעצונג פון פאסטיק און שלעגעל איז אריינגעגאנגען בשעתו אין דער דייטשער ליטעראטור.

מיר וועלען זיך נאכאמאל אומקעהרען צום בוך, אבער דערווייילע גיבען מיר אפ דעם אמת'ען יישר־כוח אונזערע כלל־טוער פון יענער זייט ים (קאנאדע — טאראנטא), וואס האבען דעם בוך אזוי שעהן ארויסגעגעבען, און ספעציעל און דער עיקרשט לאמיר דערמאהנען צום גוטען דעם מחבר־דיכטער אוריה קאצענעלענבויגען, וואס האט ניט נאר מיה אוועקגעגעבען — און א סך מיה, א סך התמדה און יאהרען פון ארבייט — נאר אויך דעם געהעריגען טאלאנט ארויסגעוויזען פאר זיין דיכטערישער איבערזעצונג און האט אונז דערמיט געעפענט די קוואלען, פון וואנען עס האט ארויסגעשטראמט די קולטור פון די אמאל פארשקלאפטע און איצטער באפרייטע לעטישע און ליטווישע פעלקער.

---

*) אין יוביליי נומער פון ריגער "פרימארגען" האט דער רעדאקטאר לאצקי־בערטאלדי פארעפענטליכט דעם דאזיגען ארטיקעל.

באסארא

(בילדעל)

פון אברהם בליי,
(תל־אביב.)

באסארא ! באסארא ! — רופען אויס די צוויי ציגיינערקעס — קומט מענשען און לאזט אונז אייך דערציילען, טרעפען אייער צוקונפט, דערצעהלען פון גליק און חלילה פון אונגליק. קאן מען פארמיידען אן אומגליק אויב מען ווייסט פריהער וואס עס שטעהט דיר פאר. באסארא ! באסארא !

אנגעטאן זיינען ביידע טרעפערקעס אין לאנגע שווארצע בונדעס, ברייטע מיט א סך פאלדען, איין בונדע אויף דער צווייטער. אויפ'ן קאפ א טיכעל ארומגענומען איבער די אויערען און ארום שטערען א קייט פון גלאנציגע דורכגעלעכערטע מטבעות, אויף די הענט פארזשעטענע בראסלעטען. דאס פנים טונקעל ברוין. דער שטערען, קין און הענט טאטואירט. אין איין האנט האלט יעדער פון זיי פיר שיסעלאך פון אוסטרינצעס.

באסארא ! באסארא !

שטעל איך זיך אפ און רוף אריין. זאל די טרעפערקע מיר צוטרעפען. קלייב איך אויס די עלטערע פון די צוויי. זי האט געוויס מעהר ערפאהרונג און קען בעסער טרעפען. גיט זי א קוק אויף מיר מיט איהרע דורכזיכטיגע אויגען, ווי זי וואלט וועלען באשטימען, צו לאך איך פון איהר צו נעהם איך זי טאקי ערנסט, נאר וואס געהט עס איהר אן. דער עיקר איז צו וועל איך באצאהלען אדער וועל איך גאר אויסלאכען זי און פארטרייבען.

וואַרפט זי אויס די פיער שיסעלאך אויף דער ערד. פארמאכט די אויגען א סעקונדע. נאכדעם הייסט זי ארויפלייגען א האלבען פיאסטער אויף די שיסעלעך. טו איך אזוי. ריהרט זיך מיך מיט איהר האנט פארגלאנצט ווידער מיט די אויגען און דאס טרעפעניש הויבט זיך אן :

— ווי רופט מען דיך ?

— אברהם.

— זאג כאמד אי לע לא (געלויבט איז גאט).

— כאמד אי לע לא.

— איך הויב אן מיט'ן נאמען איבראים.

— גוט, איך בין גרייט צו הערען — זאג איך.

— ביסט געווען אין אנאנדער פלאץ און ביזט געקומען אהער.

נאכדעם נעהמט זי ווידער צונויף די פיער שיסעלאך אין האנט, צוואווארפט זיי נאך אמאל אויף דער ערד, פארגלאצט ווידער די אויגען און זאגט :

— דו געדענקסט דיינע פריהערדיגע יאהרען און איצט לויבסטו גאט. (דערביי גיט מיר נאך אמאל א ריהר אין האנט) דו טראכסט א גוטע מחשבה און דאס וועט זיך דיר איינגעבען. דער עסק מיט וועלכען דו פארנעהמסט זיך וועט דיר געלינגען.

כאפט זי א קוק אויף מיר און באמערקט אז עפעס נעהמט מיך נאך ניט דאס טרעפעניש, קאנטיג א ניט גלויבינגער וואס גלויבט ניט אין גאט און שיקט איהם ניט זיין לויב, און ווייזט אויס, דער עסק איז גאר קיין עסק ניט. פארזשמורעט זי ביידע אויגען, פונקט ווי זי וואלט וועלען דא באקעמפען די הויכע גייסטער וואס שטעהען איהר אין וועג און עפענט צוריק די אויגען מיט א שמייכעל אויף די ליפען. ווי עס האט זיך איהר איינגעגעבען, דערווייטערט אלע שטיינער אויפ'ן וועג, באסארא איז באסארא !

עס יאגט זיך נאך דיר א מיידעל. איהרע אויגען און איהר נשמה — דיינע! דיינע !

באווייזט זיך א קליינער שמייכעל אויף מיינע ליפען. זעהט זי אז א מיידעל וואס יאגט זיך נאך מיר איז מיר נעהענטער ווי לויבען גאט אדער אן עסק וואס וועט זיך מיר איינגעבען. גיט זי ווידער א ריהר ביים האנט, וויעדער א צוטרייסעל די שיסעלאך און רעדט שוין מיט זיכערקייט :

— עס יאגט זיך נאך איהר אנאנדערער, אבער דו וועסט איהם באזיגען.

הויבט זי אויף איהרע אויגען, לאזט זיי גלייך ארונטער און פאטשט מיר צו מוטערליך אויפ'ן האנט :

— יא, יא, דו וועסט איהם מנצח זיין.

נאר אט האבען זיך די פיער שיסעלאך צוליגט גאר אנדערש, זעהר ווייט איינס פון צווייטען. עפעס אומרוהיגע גייסטער דערלאזען ניט, פארקנויטשט זי איהר שטערען און זאגט שטיל, זעהר שטיל כמעט מיט רחמנות :

— פרייטאג נאכמיטאג האט מען גענומען ערד פון א קבר און אויף איהר געווארפען. דו דארפסט זיך אויסציהען אויפ'ן קבר פון הייליגען נביא.....

דערזעהט זי, אז איך ווער טרויעריג, עס פארדריסט מיר וואס מען האט געווארפען ערד פון א קבר אויף דער מיידעל וואס יאגט זיך נאך מיר, וואס אנאנדערער יאגט זיך נאך איהר און איך האב איהם מנצח געווען. איז עס אפשר דער וואס יאגט זיך נאך איהר וואס האט צוליעב נקמה געווארפען די ערד אויף איהר ? זעהט זי זיינע מחשבות. אז לויפען און שפרייזען וועל איך איבער דער גאנצער וועלט צו געפינען מיין באשערטע און צו באפרייען זי פון דעם וואס פארפאלגט זי אז א מלחמה פון לעבען און טויט וועל איך מיט איהם פיהרען פאר'ן גליק פון מיין באשערטע. שאקעלט זי צו מיט'ן קאפ ווי א בייבי צו אן איניקעל און זאגט :

— קויף דיר א קמעה און אללא וועט דיר העלפען אין דיין וועג, קויף אויך דאס גראז ביי מיר און מיט דעם וועסטו קענען אלץ מאכען. טריקענען ימים, שפרייזען איבער מדבריות און וויסטעס און דו וועסט זיגען.

האט זי זיך פון דער ערד אויפגעהויבען. פאר א האלבען פיאסטער ווייזען איהר מעהר די הויכע גייסטער גאר ניט. האט זי ניט מעהר וואס צו טרעפען. שלייכט זי זיך ארויס פון שטוב און גלייך דערהערען זיך די קולות פון ביידע אין דרויסען ;

באסארא ! באסארא !

א שנעל מיטעל א סוף צו מאכען פון דער בייבי'ס אומרוהע

"ווי אלע יונגע מאמעס — שרייבט א פרוי פון סיראקיוז נ. י. — פלעג איך זארגען יעדעס מאל וואס די בייבי האט געוויינט. עטליכע מאל ווען זי איז אומרוהיג געווארען אדער איז געווען פארשטאפט האב איך פראבירט קעסטאר אויל; זי האט עס אבער ניט געקענט אויפהאלטען. אונזער דאקטאר האט אונז געהייסען פראבירען פלעטשער'ס קעסטאריע ווייל עס איז אומשעדליך און בייבים האבען עס ליב. דערמיט בין איך פטור געווארען פון מיינע זארגען און איך האב עס זייט דאמאלסט גענוצט פאר אלע מיינע קינדער". קעסטאריע איז שטענדיג מחיה די מוטערס מיט דעם וואס עס מאכט שנעל א סוף פון בייבי'ס און קינדער ־ קראנקהייטען : "קאליק", פארשאפונג, קאלדס און עהנליכעס. דערפאר פארקויפט זיך עס אזוי פיעל און איז אזוי פאפולער. ווי אלע גוטע זאכען זוכט מען עס נאכצומאכען ; אבער די אמת'ע קעסטטאריע — דער ריינער וועגעטאבעל פראדוקט — טראגט שטענדיג אויף זיך די פלעטשער אונטערשריפט.

פראטעסט אידישקייט

פון ל. עמינדב.

איהר ווייסט מסתמא אז אונזער אלעמענס באקאנטער "מאטעל פייסי דעם חזנ'ס" האט נאך צוריק מיט יאהרען געמאכט א זעהר וויכטיגע ענטדעקונג, ער האט נעמליך ערקלעהרט בפני קהל ועדה "עס איז מיר גוט — איך בין א יתום".

עס ווייזט אויס אז ער איז ניט געווען דער איינציגער וואס האט געהאלטען פון צו זיין א יתום. עס זיינען פאראן נאך איצט פיעל ערוואקסענע און געבילדעטע מענשען, און ליידער — מאחינו, וואס באנוצען זיך מיט זייערע יתום־פריוועלעגיעס אין דער ברייטסטער מאס. עס איז זיי זעהר איינגענעהם צו מאכען שטענדיג א רחמנות פנים און שטענדיג מאכען דעם אנשטעל פון א קאזאק־הנגזל.

מילא, וואלט איך זיי פארגונען אט דעם מין פארגעניגען פון גאנצען הארצען. במה דברים אמורים? ווען אט די טובה וואס זיי האבען דערפון זאל ניט ברענגען אימיצען אנדערש קיין רעה. טוט דאס אבער אונז אלעמען א גרויסע רעה — טאר מען דערפאר דאס ניט פארשווייגען.

אנטקעגען וואס איז דאס צורעד געקומען? טאקע צוליעב די אלע וואס האבען ליעב אויפצוהויבען ביי יעדער געלעגענהייט א ויצעקו "אנטיסעמיטען עליך ישראל". איהר פארשטעהט, עס איז אזוי גוט צו שרייען אז מערט גערודפט פון אנטיסעמיטיזם און האלטען אין איין מאכען א רחמנות פנים, ווייל... ווייל ווידער אמאל די אלטע מעשה "עס איז מיר גוט, איך בין א יתום."

מעג זיך טאקע אנטיסעמיטיזם זיין א העסליכע זאך, איז אבער דאס שטענדיגע עפענטליכע אויפבינדונג פון די וואונדען — און באזונדער, דעם אנטי־גויאיזם — אויך גאר ניט קיין שעהנע זאך — און צו דער קאטעגאריע דענק איך, באלאנגט דער גאנצער טומעל וואס איז איצט אויפגעהויבען געווארען וועגען אנטיסעמיטיזם אין טאראנטאר אוניווערזיטעט.

פיר די יעניגע פון אונזערע ענגליש־שפרעכענדע ברידער, פאר וועלכע אידישקייט איז נאר א מין "אינטעלעקטועלער" ענין, פאר וועמען אידישקייט באשטעהט נאר אין פיהרען פיין־געשליפענע פארעווריגע טעארעטישע דיסקוסיעס (אלא טעאדאר דרייזער האט אנגעשריבען א נייע נאוועלע). פאר זיי מיט זייערע בידנע ביסעל "פארלאר" אידישקייט — איז דאס אן ענין צו חקירה'נען זיך טיעפזיניג וועגען דער "פעשאן פליי", און פאר זיי איז דאס ווייזט אויס, אויך אן אינטערעסאנטער צייט־פארטרייב צו שטורם אין א גלאז וואסער וועגען אנטיסעמיטיזם אין טאראנטאר אוניווערזיטעט. אויף וואס פאר אן אנדער אופן קענען זיי נעבאך ארויסווייזען זייער "ווארימע באציהונג צו אידישקייט.

נאך אלעמען איז עס נאך איצט אויך די באקוועמסטע זאך צו זיין א "פראטעסט איד" (איהר געדענקט די אמאליגע "פראטעסט־ראבינער?") — עס פאדערט ניט קיינע אנשטרענגונגען און דאס געוויסען איז צופרידען. ווידער אבער זיין א פאלשטענדיגער איד, זיך ניט באנוגענען מיט זיין א פראטעסט איד — איז פאר זיי זעהר אן אומבאקוועמע זאך און איך האב מורא, אז דאס וואלט פאר זיי געווען נאך פיעל אומבאקוועהמער ווי דער אנטיסעמיטיזם, וואס הערשט איצט אין טאראנטאר אוניווערזיטעט און וועלכען זיי באקעמפען אזוי שטארק.

טא זאלען זיי זיך קוויקען מיט זייער פראטעסט־אידישקייט.

מיר אבער פשוט'ע אידען פון א גאנץ יאהר וואס האבען גענוג. טויזענטער אנדערע אידישע דאגות א חוץ דעם פילאזאפירען וועגען דער "פעשאן פליי" פון אבעראמערגאו און דעם צוזאמענשטעל פון דער סטודענטישער ראגבי־טים אין טאראנטא — מיר קענען זיך ערלויבען צו באטראכטען דעם לעצטען אויסברוך פון פראטעסט אידישקייט אין טאראנטא פיעל קיהלער, אומפארטייאישער און יושרדיגער — קיין שאדען וועט דאס אונז פעסט ניט ברענגען.

און איצט לאמיר זעהען אנטקעגען וואס פראטעסטירט מען דאס אזוי שטארק.

גיבען די פראטעסטאנטען אליין צו בנוגע סקאלארשיפ איז ניט ניטא קיין דיסקרימינאציע. אמת טאקע נאר איין איד האט געקראגען א ראדעס־סקאלערשיפ, — אבער ווער עס איז אביסעל בקי אין דעם ענין ווייסט אז דאס איז גאנץ גענוג. ווידער בנוגע אנדערע סקאלארשיפס קען דאך אודאי קיין רייד ניט זיין וועגען דיסקרימינאציע, ווייל אידען קריגען דאך די סקאלארשיפס אין די צעהנדליגער. אט דעם פאקט דארף מען שוין גאר ניט מבטל זיין, ווייל אין דעם גאנצען געלט פון די סקאלארשיפס איז ניטא קיין איין אידישער סענט — עס באשטעהט אינגאנצען פון נדבות וואס הונדערט פראצענטיגע קריסטען האבען געשאנקען.

עס האט אויך קיינער ניט באשולדיגט דעם טאראנטאר אוניווערזיטעט, אז עס זיינען דא פאראן באגרעניצונגען אויף ארייננעהמען אידען אלס סטודענטען. קיינער וועט אויך ניט באשולדיגען די פראפעסארען אז זיי דיסקרימינירען קעגען די אידישע סטודענטען בשעת די עקזאמענס.

הייסט עס אז וועגען ריין אקאדעמישען אנטיסעמיטיזם קען דא גאר קיין רייד ניט זיין.

אלא מאי? עס איז פאראן א סאציאלער אנטיסעמיטיזם. הערט, אומימטען, די קלאגעס:

ערשטענס, עס זיינען ניטא קיין אידישע מיטגליעדער אין די עקזעקוטיוום פון די פארשיעדענע סטודענטען קלובען.

צווייטענס, אידען ווערען ניט איינגעלאדען אין די פארשידענע פראטוירניטים און סאראריטים.

דריטענס: אידען האבען ניט קיין געלעגענהייט אין די פארשיעדענע אוניווערזיטעטס אטלעטיקס — "נאר דריי אידען האבען "געמאכט די טימס אין ראגבי פאר די לעצטע צעהן יאהר'.

איז דא ווידער אמאל די זעלבע געשיכטע. גיבען דאך אונזערע "פראטעסטאנטען אליין צו אז א אידען איז אנפארטרויט געווארען מיט דער פאראנטווארטליכער שטעלע צוריק מיט דריי יאהר צו זיין דער רעדאקטאר פון דער "וואָרסיטי'. זיי גיבען אויך צו אז א פאר אידען זיינען אין די עקזעקוטיווס פון די סטודענטישע ארגאניזאציעס. הייסט דאס, אז אויך אויף דעם געביט איז די דסיקרימינאציע ניט אזוי שרעקליך.

אבער לאמיר נעהמען דעם ענין אויף צוריקוועגס.

לאמיר צוגעבען אז אפילו קיין איין־איינציגער איד ווערט ניט צוגעלאזט אין די עקזעקוטיווס פון די פארשידענע סטודענטישע ארגאניזאציעס. איז — מה הרעש? וואו שטעהט דען דאס געשריבען אז אידען דארפען זיין פיהרער פון ארגאניזאציעס אין וועלכע קריסטען זיינען אן איבערוועגענדע מאיאריטעט? און ווידער: וואס וואלט אונז ארויסגעקומען ווען אידישע סטודענטען וואלטען שוין יא געווען גאנצע רעדעל־פיהרער אין קריסטליכע סטודענטישע ארגאניזאציעס? וואלטען דאן די אידישע סטודענטען גענומען א גרעסערען אינטערעס אין אידישע ענינים און צו וואלטען זיי דאן זיך ווע־ניגער אסימילירט? וועט דאך קיינער ניט ענטפערען מיט א "יא" אויף די אלע פראגען. פונקט אזוי וועט דאך אויך קיינער ניט וועלען זאגען אז דער יושר פאדערט דוקא אז אידען זאלען פארנעהמען עמטער אין די עקזעקוטיוום פון ארגאניזאציעס וואו די מערהייט מיטגלידער זיינען קריסטען. נאר וואס זשע דען? עס איז אן ענין פון פוסטער גאוה און כבוד. די אידישע סטודענטען אלס יחידים האבען ניט קיין געלעגענהייט צו קריגען כבוד. איז דאס צום באדויערען, פונדעסטוועגען ווילט זיך מיר זיי פארזיכערען אז אויב עס פעהלט זיי שטארק כבוד טא זאלען זיי געהן ארבייטען אויף דער אידישער גאס וועלען זיי דארט קריגען כבוד וועלכער וועט זיין פיעל וויכטיגער און טאקע בכבודיגער ווי דער כבוד וואס זיי קענען קריגען אין גויאישע ארגאניזאציעס.

די צווייטע באשולדיגונג, וועגען די פראטוירניטים און די סאראריטים האט שוין גאר קיין ממשות ניט. די באשולדיגונג איז לויט מיין מיינונג זעהר אן עקעלהאפטע: זי איז אן אויסמיש פון עבד־הנרצע קאמפלעקס, מיט "אנטי־גוי־איזם"..

יעדער איינער ווייסט אז די "פראטוירניטי־האוז" איז פאר'ן קריסטליכען סטודענט זיין צווייטע היים. דארט איז פאר איהם דאס פלאץ וואו ער פארברענגט זיין פרייע צייט, דארט איז פאר איהם דאס ארט וואו ער מאכט זיך היימיש, וואו ער באגעגענט זיך מיט זיינע אינטימע חברים און וואו ער ערלויבט זיך איבערהויפט אביסעל צוקנעפלען. איז זעלבסטפארשטענדליך אז אין דער פראטוירניטי, וואוהין דער סטודענט קומט ניט תהלים זאגען, וויל ער זיך פיהלען וואס פרייער און, בעיקר, ער וויל זיך דארט באגעגענען מיט חברים מיט וועלכע ער זאל זיך קענען פיהלען אבסאלוט גלייך, דאס הייסט ,אז זיי זאלען זיין פונקט אזוי ווי ער און זאלען זיך מיט גארניט אונטערשיידען פון איהם. די פראטוירניטי איז פאר'ן קריסטליכען סטודענט א מין משפחה און אין א משפחה קען קיין פרעמדער ניט פאדערען אז מען זאל איהם אהין ארייננעהמען פאר א קרוב — די משפחה דארף פריהער איהם וועלען ארייננעהמען, אבער זי האט אויך פולשטענדיגע רעכט ניט צו וועלען. און דארף איך אייך דערצעהלען אז דער אידישער סטודענט, ווי אסימילירט ער זאל ניט זיין, בלייבט ער אלץ אנדערש פון די גוים און אז ער קומט אין דער גויאישער פראטוירניטי טראגט ער אריין אהין א פרעמדען טאן און די גוים פיהלען אז א פרעמדער האט זיך אריינגעבריכען אין דער משפחה.

און זייט דערפאר ניט ברוגז אויף די גוים. זיינען דען מיר אידען בעסער? וואלטען מיר דען ארייננעמען נעגערס, כינעזער צו איטאליענער מיט אזעלכע אזענע ארעמעס אין אונזערע קלובס, אין אונזערע אינטימע ארגאניזאציעס?

האט דאך פארט יעדער איינער רעכט אז אין זיין פריוואט ווינקעל זאלען איהם קיין פרעמדע ניט באלעסטיגען — און די פראטוירניטיס זיינען פריוואטע ווינקלען און מיר בלייבען נאך, צו אונזער גרויסען גליק פרעמדע — ניט קוקענדיג וויפיעל מען וויל אונז אסימילירען...

פון נאציאנאלען שטאנדפונקט איז אויך פיעל געזינטער אז אונזער יוגענט זאל ניט ווערען אין אזא גרויסער מאס קנעפעלדיג מיט די גוים — אזש אפילו באלאנגען צו זייערע פראטוירניטיס.

עס איז איז קלאהר אז אונזערע נאציאנאלע אינטערעסען פאדערען אז די אידען זאלען פארוואנדלען צווישען אידען, אז זיי זאלען גרינדען אייגענע אידישע פראטוירניטיס און ניט קריכען צו די גוים — און אויף דעם געביט קען זיך קיינער ניט קלאגען אויף דיסקרימינאציעס, אפילו די פארביסענסטע אנטיסעמיטען אין טאראנטאר אוניווערזיטעט פארווערען ניט די אידען צו גרינדען און צו באלאנגען צו אידישע פראטוירניטיס, וואלט נאר פון דער אידישער זייט ניט געווען קיין מניעה.

אויך קיין גייסטיגע פארגעניגענס פארלירען ניט די אידישע סטודענטען דורך דעם וואס די טיהרען פון די גויאישע פראטוירניטיס זיינען פאר זיי צוגעמאכט.

אמת דורך דעם ווערט וועקגערויבט פון די אידישע בחורים די געלעגענהייט צו טאנצען מיט גויאישע סטודענטקעס און להיפוך — אבער איז דאס טאקע אזא נאציאנאלע טראגעדיע, צוליעב וועלכע מען דארף מאכען אזא טומעל?

און וועגען דער דריטער באשולדיגונג אז אידען האבען ניט קיין געלעגענהייט צו ווערען ראגבי סטארס, לוינט זיך אפילו ניט צו פטר'ן קיין ווערטער. זאלען אונז אלע צרות פעהלען, און נאר די צרה זאל אונז בלייבען — וואלט שוין גארניט געווען אזוי שלעכט.

און איצט וועגען דער וויכטיגסטער באשולדיגונג, — וועגען דעם אז מען שטעלט ניט אן קיין אידען אלס פראפעסארען.

הגם עס איז אונז נאך ניט אויסגעקומען צו הערען וועגען אידישע גאונים וואס האבען געזוכט שטעלעס אין טאראנטאר אוניווערזיטעט און האבען זיי ניט באקומען — דאך איז די באשולדיגונג אין א גרויסער מאס באגרינדעט, כאטש עס האנדעלט זיך מסתמא נאר וועגען אינסטרוקטארען, איז דאס טאקע זעהר צו באדויערען — אבער עס איז א פראגע פון טאקטיק. צו גלויבט אימיצער טאקע אז דורך פילדערען וועלען אידישע יונגעלייט שוין יא קענען קריגען שטעלעס אין אוניווערזיטעט? עס איז, דאכט זיך מיר, גענוג קלאהר, אז דער ענין איז א צו דעליקאטער און אז ניט דורך היסטעריקעס קען מען דא עפעס אויפטאן. אין דעם הינזיכט, הלואי זאל איך ליגען זאגען האט דער איצטיגער וצעקו געבראכט פיעל מעהר שאדען פון נוצען. אלענפאלס האבען מיר געדארפט אויסמיידען פון צו דיענען אלס שטאף פאר סענזאציע אין די פראנט פיידזשעס אין דער פרעסע און דורך דעם נאך מעהר צובלאזען דאס פייער.. עס וואלט גאר ניט געשאדט אז די אידען זאלען וועגען דעם מאכען וואס ווייניגער סטייטמענטס אין דער פרעסע — עס קומט אונז צו זעהר ווייניג געזונט און כבוד ווען אט דער וויסטער טאנץ ווערט געטאנצט אין דער עפענטליכקייט און דיי געמיטער ווערען נאך מעהר צורייצט. ניט איצט איז געווען די צייט דערפאר.

און געדענקט איהר ווי מען פלעגט זיך נוהג זיין ביי אידען ביים עסען? אז עס פלעגט אריינקומען א פרעמדער מענש ביים עסען פלעגט מען איהם זאגען "קומט עסען". ער, דער פרעמדער פלעגט ענטפערען "עסט געזונטערהייט", און זיך ניט זעצען צום טיש, ווייל ער האט געוואוסט אז די איינלאדונג איז ניט קיין ערנסטע, אז עס איז בלויז א העפליכקייט.

דאס זעלבע איז מיט אונזער עמאנציפאציע. — מיר האבען אפשר געדארפט קעמפען אז מען זאל זיין העפליך צו אונז, אז מען זאל אונז איינלאדען צום טיש, מיר דארפען אבער האבען גענוג טאקט און ניט צו זעצען זיך צום טיש. עס איז שוין אפשר צייט אז מיר זאלען אויך זיין גענוג העפליך און ענטפערען "עסט געזונטערהייט" און זיך טאקע ניט זעצען צום טיש — וואלטען מיר פארשפארט צו ליידען א סך אומזיסטע צרות און בזיונות.

עס איז ניט דא דאס פלאץ צו מאריך זיין וועגען דעם אלעמען, אבער איינס דארף פאר אונז קלאר ווערען. מיר שטעהען היינטיגע צייטען אויס אזוי פיעל אמת'ע רדיפות וועלכע מיר דארפען קעמפען מיט אלע אונזערע כחות אז עס איז ממש א פארברעכען צו אויסטראכטען אויף זיך רדיפות (ווי דער עסק מיט די פראטוירניטיס) און פארשווענדען אויף זיי ענערגיע.

לאמיר בעסער אפהיטען אונזער גאנצע ענערגיע אויף צו באקעמפען די ווירקליכע און געפעהרליכע רדיפות און ניט פטר'ן קיין כחות אויף קאמף קעגען ווינט־מילען, קעגען רדיפות וואס זיינען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. נישקשה אויב עס גלוסט זיך אימיצען צו פראטעסטירען זיינען, ברוך השם, פאראן איבערגענוג ווירקליכע צרות און מען דארף ניט צולייגען נאך קיין אויסגעטראכטען אנטיסעמיטיזם.

* * *

ווייס איך וואס אייניגע וועלען זאגען אויף מיינע ווערטער. מען וועט זאגען: א גלות איד, געהויקערטער רוקען, שקלאפען פסיכאלאגיע וכדומה.

אבער זאגט מיר, איך בעט אייך, ווער איז מעהר שקלאף: דער וואס פארבייסט מיט די ליפען און שווייגט, ווייל עס שטעהט איהם ניט אן צו שרייען, אבער דער — וואס צוויאכמערט זיך בקולי־קולות און שטעהט כעני בפתח און האלט אין איין קלאפען אין די גויאישע טיהרען, וואס ווילען זיך בשום אופן פאר איהם ניט עפענען?

אבער ווער האט דאס צייט און א מעגליכקייט צו טראכטען, ווען דער גרויסער קעסעל פויק שטעהט צוגערייט און בעט זיך ממש אז מען זאל אויף איהם פויקען. און דאס איז דאך אזוי לייכט — עס איז אלענפאלס פיעל לייכטער ווי צו צו דענקען. "פובליסיטי" קריגט מען דאן אויך מעהר...

דאס אומבאקאנטע

פון פיא באראכא.

איבערזעצט פון שפאניש:
פון ה. זאכאק.

מאן און פרוי האבען זיך איינגעארדענט אין וואגאן. ער האט — נאכ'ן אוועקליינען אויף דער וואגאן־פאליצע די וואליזקעס — זיך אנגעטאן א גרויען וועג־כאלאט, און א היטעל, האט פארריכערט א ציגאר און זיך אוועקגעזעצט קוקען גלייכגילטיג אויף דער סטעליע. זי האט זיך צוגערוקט צום פענסטערעל און באטראכט דעם הארבסטיגען פארנאכט.

פון וואגאן האט זיך געזעהן דאס שטעדטעלע ביים ברעג, מיט זיינע פארשווארצטע הייזקעס, וועלכע ליגען צוגעטוליעט איינע צו דער אנדערער, ווי דאס וואלט זיין א שמירה זיך צו פארטיידיגען געגען ווינט.

די זוהן האט זיך פאוואלינקע אפגערוקט, זיך דערוויטערענדיג ביסלאכוויוז פון דעם שטעדטעל. זי האט געבלישטשעט מיט א מעטאלענעם גלאנץ אויף די שויבען פון די הייזקעס, איז לאנגזאם ארויפגעקראכען אויף די, פון פייכקייט, שווארץ געווארענע רינוועס, אויפשטייגענדיג נאכדעם ביז'ן סאמע שפיץ פון דעם טונקעלען קלויסטער טורם, און באלויכטען בלויז דעם אייזערנעם צלם איבער די גלאקען. דער צלם האט אויסגעזעהן טריאומפירענדיג מיט זיין רויטליכען בליאסק אויף דעם גרויען פאן פון דעם בין־השמשות.

— מיר ווארטען שוין צו לאנג — האט ער א זאג געטאן מיט א שארפען מאדרידער אקצענט, ארויסלאזענדיג א מויל מיט רויך אין דער לופט.

זי האט האסטיג א דרעה אויס געטאן דעם קאפ, האט א ווייל אנגעקוקט דעם מאן, וועמענס וויסע, זארגפעלטיג אפגעהיטע הענט, זענען איינגעפאסט געווען אין ברילאנטענע רינגען און אויסדרעהענדיג זיך תכיף צוריק צו איהם מיט דער פלייצע האט זי ווידער גענומען אויסקוקען דורכ'ן פענסטערעל.

דער וואקזאל גלאק האט געגעבען דעם לעצטען קלונג. דער באן האט גערירט, פאמעליך, לאנגזאם, די קייטען און אייזענס האבען ארויסגעלאזט א מין קרעכץ. די רעדער זענען פארבייגעלאפען די סטאנציע מיט א בהלה'דיגען געפילדער און גיהנום'דיגען הוזשען מיט א ווילדער ענערגיע. שפעטער אביסעל איז דער גאנג געווארען אביסעלע מילדער. עס האבען אנגעהויבען פארבייצומארשירען פאר'ן אויג, הייזער, לאנקעס, צעמענט־פאבריקען און מילען.

נאכדעם האבען זיך דורכגעטראגען מיט א גוואלדיגער שנעלקייט, בערג און ביימער, און קליינע הייזקעס פון באן וועכטער, און איינזאמע, עלענדע שאסייען און קליינע, אין חושך איינגעהילטע, שטעדטעלאך, וועלכע מען האט קוים אנגעזעהן ביי דעם שוואכען שיין פון בין השמשות....

מיט'ן לויף פון דער נאכט האבען זיך די פייזאזשען געביטען. דער באן האט זיך פון צייט צו צייט אפגעשטעלט אויף פארווארפענע און איינזאמע מקומות. צווישען גערטנער, אין וועלכע עס האבען געבלענט גאנצע הויפענס מיט שטרוי.

איינווייניג, אין וואגאן זענען געפארען דער מאן און פרוי אליין, קיין שום אנדערע רייזענדער איז אין וואגאן ניט צוגעקומען. דער מאן האט פארמאכט די אויגען און איז געשלאפען. זי האט אויך געוואלט אנטשלאפען ווערען, אבער איהר מח האט ווי אויף צו להכעיס, געזוכט ארויפצוברייגען אלטע זכרונות, וועלכע האבען איהר געשטערט און ניט געלאזט איינשלאפען.

און וואס פאר א נארישע זכרונות! אלע עפעס אזעלכע קאלטע, אן דעם מינדעסטען רייץ!

פון די דריי חדשים פארברענגען אין יענעם שטעדטעל ביים ים, איז איהר בלויז איבערגעבליבען עטליכע אפגעהאקטע, אין דער לופט שוועבענדע, אהן בלוט, פליישלאזע בילדער. קיין איין שטארקערע איבערעבונג האט ניט איבערגעלאזט קיין סימן אין הארץ.

אין איהר זכרון איז ארויפגעשוואומען דאס דארף אין א זומערדיגען פארנאכט, ביים ברייטען טייך, בעת די וואַסערען האבען זיך גלייכגילטיג, זאנפט געגליטשט צווישען די גרינע געוויקסען. זי האט געזעהן פאר זיך דעם פלאזש אן אן איינזאמען, א פארלאזטען, געגענאיבער דעם גרינליכען ים, וועלכער האט גלעט און געצערטעלט מיט זיינע אומעטיגע כוואליעס. זי האט זיך דערמאנט אין הערבסט פארנאכטען, אן יענע ביז השמשות'ן פון אויגוסט חודש, ווען דער הימעל איז פול מיט רויטע וואלקענס, און די ערד איז געפארבט אויף פארדא. זי האט זיך דערמאנט אן הויכע, באוואקסענע אויפ'ן רוקען פון ביימער מיט געלע בלעטער און אין דער פאנטאזיע האט זיך איהר פארגעשטעלט א פריהמארגען מיט בלויע הימלען, מיט נעבלען וואס שפארען ארויס פון ים און ווערען צורונען אין דער לופט. פאר איהרע אויגען זענען געשטאנען שטעדטלאך מיט שטאלץ הארפערדיגע טורעמס, בריקען, וואס שפיגלען זיך אפ אין טייך, פארלאזענע הייזקעס, געצעלטען, בית־עלמין'ס, פארשטעקטע אין די פאלדען פון די בערג.

ביי איהר אין מח האבען אפגעקלונגען דאס פייקלען פון קעסעל־פויק; די טרויעריגע שטימען פון די פויערים, ביים אנטרייבען די בהמות, דאס מעכטיגע רעווען פון אקסען; דאס סקריפען פון וועגענער און די פויזעדיגע און טרויעריגע קלאנגען פון קלויסטער־גלאקען.

און אין איינעם אויסגעמישט מיט די זכרונות האבען זיך צו איהר א לאז געטאן פונ'ם ווייטען חלומות־לאנד — נאך אנדערע בילדער. אפשיינען פון די קינדער יאהרען, אפשפיגלונגען פון דעם אונטערבאוואוסטזיניגען, שאטענס וואס האבען זיך פארמירט אין איהר גייסט פון די צורונענע אילוזיעס און אפגעשטארבענער באגייסטערונג.

פונקט ווי די שטערען, וואס האבען אין יענעם מאמענט באלויכטען די ארומיגע פעלדער מיט זייער מאטען שיין, אזוי האבען איהרע זכרונות אויפגערעקט נאר קאלטע בילדער, וועלכע האבען בלויז גערעדט צום אויג, ניט איבערלאזענדיג קיין סימן אין דער נשמה.

בלויז איין איינציגער אנדענק האט אראפגענידערט פון געדאנק צום הארץ און עס געריהרט, געגלעט צערטליך און נשמה'דיג.

זי האט זיך דערמאנט אן א פארנאכט, ווען זי האט איינע אליין דורכגעקרייצט דעם טייך אין א לאדקע. צוויי קרעפטיגע יונגע מאטראסען, הויכע, שטארקע, מיט דעם געוועהנליכען טעמפען בליק, האבען גערודערט מיט די וועסלעס, אונטערזינגענדיג שטיל און מאנאטאן אן אויסגעוועהנליך הארציג און שעהן ליד. זי אן אומעטיגע, אליין ניט וויסענדיג פארוואס, האט זיי געבעטען צו זינגען אויפ'ן הויכען קול און אז זיי זאלען אריינפאהרען מיט דער שיפעל אין ווייטען, אפענעם שטורעמדיגען ים.

דאס שיפעל איז אוועקגעשוואומען פון דעם ברעג, און די מאטראסען האבען געזונגען "זארטשיקעס" לויט וועלכען זיי האבען אוועקגעווארפען זייערע דאגות און פארביטערונג, בעת א פאר'כישופ'טען און לויכטענדען זון אונטערגאנג. דער ים, אן אפגעפארבטער אויף רויט פון דער שטערבענדיגער זון, האט געציטערט אין טיפען אפשיין אויף די קיילעכדיגע כוואליעס.

און פארגלייכענדיג אט די עמאציאנירענדיגע איבערלעבונג מיט אלע אנדערע פון איהר לעבען, וועלכע זענען אלע די זעלבע, איינע ענהליך צו דער צווייטער, און אריינטראכטענדיג זיך אין דער פלאכער מאנאטאנער צוקונפט, וואס איהר דערווארט, האט זיך אין איהר אויפגעוועקט א שטארקער באגעהר צו אנטלויפען פון אט דעם לאנגווייליגען לעבען, אראפצוגעהן אויף דער ערשטער בעסטער סטאנציע און זיך לאזען לויפען זוכען דאס אומבאקאנטע.

מיט־אמאל האט זי זיך אנטשלאסען, און האט געווארט אז דער באן זאל זיך אפשטעלען. ווי געבוירען פון דער נאכט ארויס, האט זיך ארויסגעשלייכט א וואקזאל, מיט אן איינזאמער פלאטפארמע און איין לאמטערן, ביי וועלכען דער באן האט זיך לאנגזאם אפגעשטעלט.

די פרוי האט אראפגעלאזט דאס פענסטערעל און ארויסגעשטעקט די האנט צו עפענען די וואגאן טיר.

צוגעהענדיג צו דער אפענער טיר, איז איהר א שווידערליכער קעלט דורכגעלאפען איבער'ן לייב. דארט איז געשטאנען דער שאטען; דער שאטען וואס האט פון איהר קיין אויג ניט אראפגענומען. זי איז געבליבען שטעהן, איז מיט איין קלאפ האט די קיהלע נאכט־לופט איהר צוריק געבראכט צום ווירקליכען לעבען און די חלומות, שטרעבונגען און זכרונות זענען פארשוואונדען.

דער גלאק האט געקלונגען און דער באן האט זיך אוועקגעלאזט משוגענערווייז איבער די טונקעלע פעלדער, פול מיט שאטענס און די פונקען פון לאקאמאטיוו זענען פארבייגעפלויגען די וואגאן פענסטערלאך, אזוי ווי בלישטשענדע שווארצאפלען אין דער לופט.

היטלער גרייט זיך פאר א „פוטש"

בראנזוויק, דייטשלאנד, אקט. 18.

אדאלף היטלער, דייטשער פאשיסטישער פיהרער, האט היינט אדרעסירט א גרויסען פאראד פון „ברוין־העמדלאך־מיליטער, דערקלעהרענדיג, אז טאג „פאר אונזער ענטגילטיגער שטרעבונג נאך מאכט, איז שוין ניט ווייט".

געשטארבען אין טעקסי אויפ'ן וועג צום האספיטאל

דער כינעזער אינג הינג, א קראנקער אויף טובערקולאז, איז אויפ'ן וועג פון סאדבורי צום טאראנטא דזשענעראל האספיטאל, פלוצלונג געשטארבען אין טעקסי פון א בלוט־שטורץ.

א פאסאן פארשלאג

"וואס זאל איך טאן אום מיין אלטע דרעס זאל אנטשפרעכען דער נייער לאנגער מאדע, איז געווען א הארבע שאלה פאר מיר, אבער איך בין געפאלען אויף א פלאן. דער טייל וועלכער איז געווען באדעקט איז געווען טונקעלער, דעריבער האב איך דעם שטאף געבלייכט און דערנאך געפארבט די גאנצע דרעס לויט די אנווייזונגען פון "דיימאנד דיים" פעקאלע.

"זעלבסטפארשטענדלאך האב איך גענוצט "דיימאנד" פארבען פאר דעם איבערפארבען. מיט די דאזיגע אויסגעצייכנטע פארבען האב איך געפארבט זעהר א סך פון מיינע זאכען. עס האט מיר פארשפארט פיעל געלט און איך האב אלעמאל געקראגען די בעטסע רעזולטאטען. די פארבען זענען גלייך פארטיילט, גלאט, גוט צו טראגען און וואשען. מיינע פריינט מיינען אז מיינע קליידער זענען נייע, אבער דאסזענען מיינע אלטע קליידער וועלכע איך האב איבערגעפארבט מיט די "דיימאנד" פארבען. א דאנק אט די "דיימאנד" פארבען האב איך טאקע אימער געהאט אן אויסגעצייכענטען ערפאלג ביים פארבען מיינע קליידער!"

מרס. ג. ס. לעוויס, קוויבעק

5 טעג אויפ'ן ים
דורך שערבורג —
6 טעג דורך ברעמען
אויף די שנעלסטע סטימערס אויפ'ן ים, די
ברעמען און יוראפ
אדער פארט מיט דעם פאפולערען עקספרעס סטימער
— קאלומבוס —
פון ניו־יארק קיין איירָאפּע
אויך רעגעלמעסיגע וועכענטליכע אפרייזונגען מיט גוט־באקאנטע לאיד קאבין ליינערס
שטרענגע כשר'ע קיך.
פאר אינפארמאציע ווענדט זיך צום לאקאלען אגענט אדער
NORTH GERMAN LLOYD
1178 PHILLIPS PLACE. MONTREAL, QUE.

"איך גיי סיי ווי"

די מאדערנע מיידעל דארף נישט "ארויספאלען" איינמאל אין חודש. אויב איהר האט ווען גענומען אספירין פאר קאפוויטאג, ווייסט איהר, ווי שנעל דער ווייטאג גיהט אוועק. עס איז פונקט אזוי ווירקזאם ווי העלפענדיג די איינגעארטיגע פרויען פיין.

שענקט נישט אוועק געוויסע טעג אין מאנאט צו ליידען. עס איז אלטמאדיש. און נישט נויטיג. אספירין וועט אייך אלע מאל געבען די מעגליכקייט אנצוגעהן באקוועם. נעהמט גענוג צו פארזיכערען פולען קאמפארט. אויב עס איז עכטער אספירין, קען עס אייך נישט שאדען. אספירין טאבלעטס גרייפען נישט אן דאס הארץ. זיי מאכען נישט קאליע דעם מאגען. זיי טוען נאר נישט אויסער אפשטעלען די ליידען.

קאפוויטאג קומט אין אומבאקוועמע צייטען. אזוי אויך פארקיהלונגען, אבער עטוואס אספירין ראטעוועט יעדעס מאל דעם טאג. א האלז וואס איז אזוי קראנק, אז איהר קענט נישט שלינגען, ווערט בארוהיגט נאך איין מאל גוט אויסשווענקען עס מיט צולאזטע אספירין טאבלעטס. ניוראלדזשי, ניוריטיס, רעומאטיזם ,ווייטאגען, וואס האבען אמאל מענשען געהאלטען אין הויז, ווערען פארגעסען אין א האלבע שעה נאכ'ן איינעמען די מערקווירדיגע טאבלעטס. אזוי איז אויך מיט די נאגענדע ליידען, וואס ברענגען מידקייט און "נערוועז" בייטאג און שלאפלאזיגקייט ביינאכט.

עכטע אספירין קאסט נאך אלעמען אזוי ווייניג, אז עס לוינט זיך נישט צו פרובירען נאכמאכונגען.

Tablets
Aspirin
MADE IN CANADA
BAYER
Genuine

נייעס פון איבער גאנץ קאנאדע

כינעזער אין קאנאדע פלאנעווען א באיקאט אויף סחורות פון יאפאן

קלייבען געלט אויף הוצאות פאר יונגע כינעזער צו לערנען פליהעריי. — וועלען אפפאהרען קיין כינע נאכ'ן אויסלערנען זיך. — יאפאנעזישע סחורות וועלען עפענטליך פארברענט ווערען.

סאדבורי, אקטאבער, 19.

אין משך פון קומענדער וואך וועלען אין אלע שטעדטלאך פון נארד אנטאריא עפענטליך פארניכטעט ווערען סחורות, וואס זיינען געמאכט געווארען אין יאפאן. די ערשטע שריט אין דער ריכטונג זיינען היינט געמאכט געווארען, ווען די כינעזישע אנטי־יאפאן סאסייטי האט באשטימט א קאמיטעט פון דריי, וואס האט היינט אנגעהויבען קענוועסען צווישען כינעזישע סוחרים און פארלאנגט זיי זאלען זיי איבערגעבען יאפאנעזישע טיי און אנדערע סחורות וואס זיי האבען.

אויף א מיטינג, וואס די געזעלשאפט האט נעכטען אפגעהאלטען איז בייגעשטייערט געווארען איבער טויזענט דאלער, וואס זאל אוועקגעהן אויף צו לערנען יונגע כינעזער צו פליהען. נאכדעם ווי די שילער וועלען זיך קוואליפיצירען אלס פליהער און עראפלאן מעכאניקער, וועלען זיי געשיקט ווערען קיין כינע צו פארטיידיגען זי געגען יאפאנעזישען איבערפאל.

פארשטעהער זיינען אויסגעקליבען געווארען צו באזוכען נארד בעי, טימינס, קוירקלענד לייק, קאבאלט, סו. העיליבורי און אלע קלענערע שטעדטלאך אין נארד אנטאריא צו קלייבען ביישטייערונגען פאר די פליהער סטודענטען.

"א שטענדיגער באיקאט אויף יאפאנעזישע סחורות וועט אנגעפיהרט ווערען פון די כינעזער און קיינער וועט ניט קויפען מעהר קיינע סחורות, וואס זענען אויסגעארבייט געווארען, אדער וואס זיינען געבראכט געווארען פון יאפאן', האבען דערקלעהרט דער פארזיצער און סעקרעטאר פון דעם מיטינג.

אין טאראנטא האבען 23 כינעזישע סאסייטיס, ביי א מיטינג פון זייערע פארשטעהער באשלאסען אנצופיהרען איבער־גאנצען לאנד א קאמפיין פאר פאנדען צו העלפען דער כינעזישער ארמיי און צו באקאטירען יאפאנעזישע סחורות.

נעוועזענער מעיאר גיט זיך איבער פאליציי נאך 15 מאנאטען

מידלענד, אקטאבער, 19.

זינט יוני, 1930, איז וויליאם ה. דאנקאן, א מידלענדער בראוקער און געוועזענער מעיאר, געזוכט געווארען פון דער פאליציי, אויף א קלאגע פון באגנבענען זיינע קליענטען אויף א סומע פון 67 טויזענט דאלער.

ווען ער איז פארשוואונדען פון דער היים, האט ער בלויז איינמאל געשריבען זיין פרוי פון טאראנטא, און פון דאן אן האט זי מעהר פון איהם גארנישט געהערט. די פאליציי האט אפט געקראגען באריכטען, אז מען האט איהם געזעהן אין פארשיידענע שטעדט, אבער זי האט איהם ניט געקענט ארעסטירען.

ער איז יעצט צוריק געקומען אהיים און זיך באלד איבערגעגעבען צו פאליציי, וואס האט איהם פארהאלטען דערווייל אהן בעיל.

ער זאגט אז ער האט לענגער ניט געקענט אויסהאלטען דאס זיין צושיידט פון זיין פרוי און קינדער, און דאס ווערען שטענדיג פארפאלגט און נע ונד זיין. ער האט זיך דערקלעהרט ניט שולדיג אויף דער קלאגע.

פולע לקוי חמה אין קאנאדע אין 1933

מאנטרעאל, אקטאבער, 19.

קומענדען 31־טען אויגוסט, 1933, וועט קאנאדע האבען די זעלטענע געלעגענהייט צו באטראכטען א פאלשטענדיגע לקוי חמה. די געלעגענהייט וועט זיך ניט איבערחזר'ען אין די קומענדע 22 יאהר.

נ. מ. סטיוארט, דירעקטאר פון דער דאמיניאן אבסערוואטאריע אין אטאווא האט מיט דער הילף סי. ען. אר. בעאמטע געמאכט אן אויספארשונג אין דעם געגענט לענגז אויס דער סי. ען. אר. קוויבעק־קאקרעין ליניע, כדי אויסצוקלייבען דעם פאסיגסטען פלאץ, פון וועלכען די לקוי חמה זאל באטראכט ווערען.

דער פאס פון דער פולער לקוי חמה געהט פון נארד איבער דער פראווינץ קוויבעק, עטליכע מייל פון פארען אויף דער סי. ען. אר. ליניע, און וועט איבערשניידען דעם סט. לאורענס א 50 מייל פון מאנטרעאל.

אמעריקאנער דאלארען אין ווינדזאר בענק

ווינדזאר, אקטאבער, 19.

לויט היגע באנקירען האבען זיך לעצטענס פיעל פארגרעסערט די צאהל פון דעפאזיטען אין די היגע בענק, וואס ווערען געמאכט אין שטאאטען וואליוטע.

עטליכע נייע דעפאזיטען זיינען פאר גרעסערע סומען ווי טויזענט דאלער עס ווערט פארשטאנען, אז די דעפאזיטארס טוען עס צוליעב דעם דיסקאונט וואס זיי קריגען אין פארגלייך מיט דעם קאנאדער דאלער, אויסער דעם גוטען פראצענט, וואס די בענק צאהלען.

געפינט 70 דאלאר אין דאלערדיגען בילד

אטאווא, אקטאבער, 19.

א דאלער, וואס דזש פאלאווין פון אטאווא, האט אינוועסטעט אין קונסט, האט איהם אויפ'ן פלאץ געבראכט 69 דאלער ריינעם ריוח. און ער איז דערביי נאך אלץ געבליבען דער בעל הבית פונ'ם קונסט־אוצר.

אויף אן אקשאן האט ער געקויפט אן אלט בילד. אין דער היים האט ער באמערקט, אז די ראם איז צובראכען און לויז, האט ער עס אראפגענומען און געפונען זיבען צעהן דאלער בילס באהאלטען הינטערן בילד. מען גלויבט, אז דאס געלט ליגט אין בילד שוין א פערציג יאהר.

גרינסען פוילען צוליב נידעריגע פרייזען

עדמאנטאן, אקטאבער, 19.

א גרויסע צאהל טאנען פון קארטאפעל מעהרען און קרויט ווערען דא איבערגעלאזען אין דער ערד צום צופוילט ווערען אין דער זעלבער צייט ווען וואגאנען מיט גרינס ווערען געבראכט אהער פון אנטעריא דורך און פאר הילפס ארגאניזאציעס ווערט איבערגעגעבען פון ערד ווירטשאפטלער.

צוליעב די נידעריגע פרייזען וואס וועלען ניט באצאהלען די קאסטען פון אראפנעהמען די גרינסען, שטעהען די גרינס פארמער פאר זעהר א שווערען ווינטער.

די אזוי אויך נידעריגע פרייזען אויף דעם עדמאנטאן מארק, וואס איז איבערגעפילט מיט ביליגע גרינסען, זיינען נאך מעהר געפאלען צוליעב דער ידיעה, אז די אייזענבאהנען וועלען פיהרען פריי פראדוקטען פאר הילפס ארגאניזאציעס.

אונטערזוכט אייערע אויגען, און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינציגער ספעציאליסט, וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט אלס האבען זיך פאראייניגט צו מאכען א אפטאמעטריסט און אפטישען

דר. הענרי הערריס
279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינא)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט

Dr. Henry Harris
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. near Spadina
Open until 9 p. m.

דייוויד שער און קא
באריסטערס א. א. וו.
געלט געליהען אויף מארגעדזשעס.
502־501 סענטראל בילדינג
45 ריטשמאנד סט. וועסט
טעלעפאן עלגין 7600

פארניכטעט!
אבסאלוט גאראנטירט
וואנצען, קאקראטשעס
מילבען א. א. וו.
מיט הײדרא סייאניק גאז און אנדערע מעטאדען.
אונטער דער אויפזיכט פון דער באארד אף העלט.
א סערוויס וואס שפארט אייך געלט

NATIONAL EXTERMINATING COMPANY
1 RUSHOLME RD. TORONTO
PHONE LOMBARD 3942

HENRY S. ROSENBERG
באריסטער א. אז. וו.
געלט צו לייען
ערעלייד 1386.
702 פעדעראל בילדינג

אין הארץ פון אידישען געגענד

CRANGLE'S GARAGE
474 COLLEGE ST. TRINITY 3868

מיר פיקסען צופרידענשטעלענד קארס פון יעדען סארט און מאדעל.
פאר וועלוום גריינינג $4.00. בריקס רילייינינג $3.00 פער וויעל.

גוטע בעטערי סערוויס און קאר וואשינג. טאהינג פריי.
פאנט אונז אפ פאר א פרייז אויף אייער ריפעיר דזשאב.

צו אלע ארגאניזאציעס, קלובען, פאמיליעס
ווילט איהר הנאה האבען פון אייערע באנקעטען און שמחות?
ווילט איהר זיך אמוזירען ביי פארטים און פארווייליגנען און שאוערס?
באשטעלט עס ביי

קירשבוים'ס רעסטאראנט

אין אונזער אייגענעם שעהנעם האל, אדער אין וועלכען עס איז האל פון שטאדט, אונטער דער פערזענליכער אויפזיכט פון מרס. קירשבוים
בלויז $1.50 א קאפעל
שאוערס און ברידזשעס סערווירט פאר 35 סענט א פערזאן.
אונזערע באריהמטע געשמאקע און נארהאפטע פול קאורס מילס זענען יעצט

בלויז 40 סענט.

KIRSHBAUM'S RESTAURANT
274 ספעדיינע עווענ״ו טעלעפאן טריניטי 1282.

Management - - I. E. Suckling.
195 יאנג סט.
ערעלייד 0345.

דאנערשטאג, אין מעסי האל
די מוזיקאלע סענזאציע פון סעזאן

לילי פאנס

די פרימאדאנע פון מעטראפאליטאן אפערע
דער וועלט'ס גרעסטע קאלאראטור סאפראנא.
טיקעטס ווערען שוין פארקויפט אין מעסי האל צו $1.00, $1.50, $2.00 און $2.50 און טעקס.

דער ווינטער קומט — באזארגט אייך מיט דאס בעסטע

COAL-O-MATIC

קאאל בלאער

די גרעסטע און מאדערנסטע בילדינגס זענען אויסגעשטאט מיט —
קאאל־א־מאטיק בלאוערס
איהר קענט דערגרייכען עקאנאמיע און באקוועמליכקייט בלויז מיט
קאאל־א־מאטיק בלאוערס
ווענדעט אייך פאר אינפארמאציע וועגען —
קאאל־א־מאטיק בלאוערס
צו **טשארלס גודמאן**
טעלעפאן ערעלייד 1753

גאלדענבערג'ס כשר רעסטאראנט
באזונדערע פלעצער פאר
- מילכיגס און פליישיגס -
די אמת'ע כשרה סיסטעם
עקזיסטירט זינט 1908.
275־273 ספעדיינע עווענ״ו. טעלעפאן טריניטי 0444.

מיר האבען קאסטאמער פאר אייך:.

די טויזענטער לעזער פון „זשורנאל" אין טאראנטא און אלע קלענערע און גרעסערע ישובים אין אנטאריא קענען זיין אייערע קונים — — —

ווען איר
אדווערטייזט
— אין —
אידישען „זשורנאל"

: אונזער אדרעס :
542 דאנדעס וועסט
: אונזערע טעלעפאנס :
טריניטי 6830-6831

STANDARD THEATRE
I. AXLER, GEN. MGR. W. GOLDFADEN, DIRECTOR ABE COGUT, COMPANY MGR.
TELEPHONE: TRINITY 4310

פרייזען 35ס. 50ס. 75ס. און $1.00

אב. קאגוט פרעזענטירט די גרויסע קינסטלער קא.
מעי — יודעל — וואלף
סיימאן — דופינסקי — גאלדפאדען
אנא טייטעלבוים, אסתר פיעלד, בעקי לעש, סטעלא שולמאן, יצחק ליפינסקי, סימאן קראסנאוו, היימאן ראפאפארט, נחמיה טאוויס און אליקס אמאסיא.

מיטוואך אווענט דעם 21־טען אקטאבער
לײדיס פריי :—:—: 2 פאר 1
די גאנצע קאמפאניע אין זעהר גרויסען סוקסעס
„דאס רעכט אויף ליבע"

פרייטאג אווענט — שבת בייטאג און אווענט
צום ערשטען מאל אויף דער אידישער בינה
דער
סטודענט פרינץ
THE STUDENT PRINCE
ראמאנטישע קאמעדיע מיט געזאנג, רייכע אויסשטאטונג, שעהנע קאסטיומען, גרויסער מענער כאהר.

SID DOLLINGER
ארכיטעקט
אנאנסירט, אז ער האט זיך צוריקגעקעהרט פון זיין שטודירען אין ניו־יארק און וועט פראקטיצירען פיינע ארכיטעקטור אין אלע זיינע צווייגען.
600 בעי סטריט, רום 207
טעלעפאן עדעלייד 3720
רעזידענץ: — 54 רייערסאן עווענ״ו. טעלעפאן טריניטי 4535 J.

לאיער נארמאן בארינס
באריסטער, סאליסיטאר, נאטארי פאבליק
302 בעי סטריט
רום 605
נארמאן בארינס פראקטיצירט מיט דזש. וו. ס. קארלײ, קיי. סי. דער געוועזענער קראון אטורני פון טאראנטא, און ספעציאליזירט זיך אין קרימינאלע און ציווילע פראצעסען. אויך גט פראצעסען.
געלט געליהען אויף מארגעדזשעס
אפיס טעלעפאן עלגין 3153 — הויז טעלעפאן טריניטי 6343

לאיערס גלעס און דיקלער
— פון —
GLASS - DICKLER & CO.
501 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט.
אפיס טעלעפאן: עדעלייד 1168 — 1169
אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו־פראקטיק.
געלט געליהען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

אפיס טעלעפאן: עלגין 1619 — נאך אפיס שטונדען: טריניטי 1446.
לאיער
ה. ס. מאנדעל
— פון —
גודמאן און מאנדעל
באריסטערס, סאליסיטארס א. אז. וו.
רומס 40—41 אימפיריאל באנק בילדינג 171 יאנג סטריט

אפיס: 45 ריטשמאנד סט. וועסט — אפיס טעלעפאן: וויוועריי 2211
705 סענטראל בילדינג. — הויז טעלעפאן קינגסדייל 8419.
לאיער ב. ווינבערג כ.א.
באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.
מארגיידזשעס געקויפט.